# בן פדק

אדער

## דער איביגער יודע

דאס איזט איינע וואונדער שיינע געשיכטע פון איינעם
יודען וואס איזט געשטארבען אין דעם חודש אדר פון
שנת תרכ"ה לפ"ק דארט אין לאנדאן, עס ווערט דא
דער ציילט פון אים אלץ וואס עס האט זיך מיט אים
פאסירט, און וואס עס האט זיך מיט אים אין זיין לעבען
אפ געפירט, ווי עס האבען זיך זיינע אומשטענדען
געביטען, און וואס ער האט אויס געליטען דאס דארט
ביי אלע לייטען האט מען אים געהייסען דער איוב
פון אונזערע צייטען, מיר האבען עס מעתיק געווען פון
איינעם ספר וואס מען רופט אים (בן פאדאקס לייען)
מיר האבען נור אין קצור פון אים געשריבען דאך דאס
נייטיגסטע אויס געקליבען.

### ווילנא

שנת תרכ"ו לפ"ק

---

БЕНЪ ПАДОКЪ ОДЕРЪ ДЕРЪ ЕЙБИГЕРЪ ЮДЕ.
т. е. Бенъ Падокъ или вѣчный еврей.
ВИЛЬНА.
въ типографіи А. Дворжеца 1865.



געוואוסט דאס ער וועט זייער געלט אויך פערלירען · און
האט זיך אלזוי געזעצט אויף דעם מינסטער בריק פערוויקעלט
ווי איין אבל · מיט אבלויזען גראָען קאפ ; דען די הוט האט
ער געהאלטען אין האנט צו עמפפאנגען די נדבות ; ער האט מיט
קיינעם אווארט גערעדט · מער ניט ווי מיט גאט בשעת דאווענען ·
מען האט אים געוואלט אריין נעמען אין ארעמען הויז · האט ער
געשאקעלט מיט דעם קאפ דאס ער וויל עס ניט · און האט אזו
פערבראכט אין דיזעם שטאנד גאנצע פופצען יאר יעדער האט
אים געקאנט און האט אים בעדויערט · און בעטראכט ווי
איין הייליגען דענקמאל (פאמיאנטקע) פון איינער וואונדער
געשיכטע · דען נאך וואר קיין אנדערען אזוי איין שפיל פון שיקזאל
ווי ער און דאהער האט זיין שטארבען געמאכט גרויס אנזעהען אין
לאנדאן · דאס קליין און גרויס וואר ביי זיין לויה · און האבען גענוג
געוויינט אלס דער פרעדיגער האט אים מספיד געווען · און האט
אים געשטעלט צום ביישפיל · ווי דער מענש קען זיך
אין זיינעם העכסטען גליק ניט האלטען פאר זיכער · און דאהער
האט מען מיט קיין זאך ניט צו שטאלצירען אויף דיזער
אומשטענדיגע וועלט · דאס עס איז גאר איין (גלגל החוזר בעולם)
מען איז באלד אונטען באלד אויבען · און ביי אלעם דעם מוז
מען גלייבען פריי · דעם גלויבען · ווי דיזער בן פדק וואס
וואר איין גאנץ געפירכטעטער מאן (כל ימיו) ביי זיין יעדעם
געשיק · צו איין גאט צו איין גרויסען גליק ·

ענדע

# הקדמה

איינע קליינע בעטראכטונג איבער דעם געשיק (מערכה) פון דעם מענשענס לעבין וואס עס איזט דיער נייטיג צוא דיזעם וואונדערליכען אונ קליינעם ספור פון דיזעם בן פרק ::

(מאז ומקדם יש ארבע דעות חלוקות בדבר מקרי בני האדם במרוצת ימי חייהם פה בעמק הבכא) שוין פון אור אלטע צייטען זיינען דא פאר שיידענע (דעות) איבער דיא (מקרים) פון מענשען - וואס בעגעגענען אים אין זיינעם לעבענס לויף דא אויף דער ערד וואס עס ווערט אן גירופין דער יאמער טאל :

אין דעה וויל האבין דאס די מקרים פון מענשען דאס הייסט זיין וואהל גיין אונ שלעכט גיין איז אונטער גיווארפין נור אונטער איינעם א[illegible] שיקזאל (מערכה) וואס מען רופט עס (גזרה קדומה) דאס הייסט וויא עס איזט איין מאל בגזר גיוואורן אויף דעם מענשען הארטן אין הימעל בשעת זיין געבורט אונ עס העלפט ניט דער ביא קיינע התחכמות פון מענשען אום צו פערבעסערן זיין (מערכה) אונ אזו שאדעט ניט קיינע דומהייט אונ קיינע אפגלאזענהייט זיינע צוא שאדען אונ צו פערשלימערען זיין (מערכה) אונ אזו אויך האט עס קיין שייכות צו זיינע (מעשים טובים) אונ צו זיינע מעשים רעים אונ בריינגען דער צו (ראיות) פון דעם (ספר קהלת) נעמט ער זאגט

כי

Дозволено Цензурою 23 Октября 1865 г. Вильна.

(כי עת וזמן לכל חפץ תחת השמים) אונ ווידער פון דער גמרא
וואס זיא זאגן (בני חיי ומזונא לאו בזכותא תליא מלתא אלא
במזלא תליא מלתא) דאס הייסט דער ענין פון קינדער געזונט
אונ פרנסה וואס דיזע דרייא זאכין איזט דער גאנצער גליק פון
מענשין ווענט זיך ניט אן פרומקייט ניט אן חכמה נור אן דעם
מזל (שיקזאל) אונ ברייננגען דער צוא נאך דיא מעשה פון דעם
אלעזר בן פדת וואס ער וואר איין צדיק גמור אונ וואר איין גרויסער
אביון נון האט זיך איין מאל דיא שכינה צוא אים בעוויזען אין
טרוים אונ אלס ער האט איר געבעטין אום בעסערע צייטין האט
זיא געענטפערט נון מיין ליבער זון אלעזר איזט דיר דען ניחא
דאס צו ליב דיר זאל איך דיא וועלט חרוב מאכין אונ דער נאך
איבער נייעס בעשאפין דאמיט דוא זאלסט קענען געבארען ווערדען
אין איין בעסערין מזל (דיזע געשיכטע איז באריכות דארט אין ד' ר'
(מסכת תענית פרק שלישי) בעשריבין ·

דיא צווייטע דעה איז גאר איין הפך פון דיזער דעה דען זיא וויל
האבין דאס אלע גליקען אונ אונגליקען דאס וואול ערגייהען אונ שלעכט
ערגייהען ווענט זיך נור אן דיא אויפפירונג פון מענשין מיט זיינע
זהירות אונ התחכמות קען ער ארוים קריגען פון אלע קראפטען
אונ מיט גרויסע טאלענטען (השלמה) קען ער דער קריגען צו דער
גרעסטע דרגא אין דער וועלט אונ ברייננגען דער צו מיטענדע בעווייזע
אין כמה פסוקים וואס קומען פאר אין משלי · למשל וויא דער
פסוק זאגט (אולת אדם תסלף דרכו ועל ד' יזעף לבו) דאס הייסט
דער מענש טוט קרום אונ דום אונ מאכט דר נאך גאט שולדיג אונ אזו
אויך ברייננגען זיא כמה ראיות פון דער פראקטיקע דאס דיא מענשין
וואס האבין געטאן מיט גרוים ישוב הדעת אונ מיט התחכמות האבין
איממער מצליח געוועזן אונ דאס איז ווייל דער שכל איז געגעבען געווארין
דעם מענשין פון גאט דאס באם ער זאל אים רעכטיג פאלגען ווערט
ער אים פירען איממער צום גליק:

דיא



דיא דריטע דעה וויל האבין נ'ין דאס דער שכל פון מענשין קען
אים גאר ניט העלפען פון דאגען אהן גאט עס ווענט זיך מער ניט נור
אן דעם (רצון אלקי) אונ גאט טוט נאר גוט מיט דעם גערעכטען אונ
שלעכטס מיט דעם רשע אונ ברייננגען אויך גענוג ראיות פון דער
תורה. אונ פון דער גמרא למשל וויא דעם מאמר (הרעותי את מעשי
וקפחתי פרנסתי) איך האב פערדארבען מיינע מעשים האב איך גישאדעט
מיין פרנסה ·

דיא פערטע דעה וואס זיא איזט די גלייכסטע אונ דיא ריכטיגסטע
וואס שטימט איין מיט די מסורות פון אונזער תורה הקדושה אונ מיט דעם
געזונטען מענשליכן פערשטאנד וויל האבין דאס אונזער גוט גיין
אונ אונזער שלעכט גיין אין דיזעם לעבען ווענט זיך אן ביידערלייא
מעשים וואס דער מענש טוט אין דיזעם לעבען דאס הייסט הן אין דיא
ענינים פון (עולם הזה) למשל וויא אין מסחר אין מלאכה הן אין דיא
ענינים פון (עולם הבא) למשל (תורה צדקה תפלה) נון ווען דער מענש
טוט דיזע ביידערלייא זאכען כהוגן דאן איזט ער גליקליך אויך אין דיזעם
לעבען פטר פעלט ער אבער אין איינע פון דיזע ביידע דאן איזט
שלעכט מיט אים נון הייסט עס נאך דיזער דעה ווען דער מענש וויל האבין
דאס עס זאל אים גוט גיין דא מוז ער טאן הן זיינע וועלטליכע זאכין
אונ הן זיינע געטליכע זאכין אלעס מיט גרוים ישוב הדעת אונ מיט
גרוים חריצות אונ איינע אן דיא אנדערע איזט ניט גענוג דעם מענשין
גליקליך צו מאכין ·

אונ צו דיא דעה זיינען מסכים אויך אנדערע גרויסע געטליכע חוקרים
זעלבסט דר' בחינות עולם וואס ער איזט דער ערסטער מוכיח אין דער
וועלט זאגט דארט אין דעם פ' י"ז (פקחת עיניך כי דבים חללי היאוש ועצלות
הידים מחללי הגזרה החרוצה אשר היא נתמת השתאים) דאס הייסט אזו
דוא מענש זעהע נור איין אונ בעמערקע דאס פיל מעהר מענשין
ווערען אונגליקליך דורך זייערע אפגעלאזענהייט אונ פויל קייט אלס
דורך דיא וואס ווערין פאר אונגליקט דורך דיא גזרה הקדומה (וואס זיא

איזט

איזט באמת אלינען) אונ דינט נור דיזע נארען (דאס הייסט דיא אפ
געלאזונגען) צום טראסט דאס הייסט זייא פרייסטען זיך מיט דיזע פאלשע
רעה פון גזרה קשה אונ זאגען דעם גרעסטען חכם קען בעסער ניט
נייען אין אונזער זאך ווייל עס איזט אזו בעסערט נון העלפט שוין
דער ביא קיין חכמה ניין זאגט דארמין ווייטער דער בחינות עולם
(בטח לבי אחרי תכלית הבטחון בבוראך בעוד ההריצית ותשועות
העצה כי בם יבורך גבר) זאי זיכער מיין הארץ אונ רוהיג נאך
דעם ווייא דוא האסט בטחון אויף גאט אונ טוסט אלע דיינע זאכען
מיט גרוים חריצות אונ מיט בעראטונג דען נור דורך דיזע בוידע
זאכען איזט דער מענש געזעגענט אונ אזו זאגט ער דארט באלד
ווייטער (ואל ישיאך הרפיון והעצלה שיש לזמן גזרות רשומות
כל השתדלות עמהם שקר כי זאת עצת נפתל לב בל ידעו נפשם)
עס זאל דיך ניט בערידען דיא אפ געלאזענהייט אונ דיא פולהייט
דאס עס איזט אין דיזעם צייטליכען לעבען נור גזרות קדומות
וואס עס העלפט דער ביא גאר קיין התחכמות דען דאס זאגען
דיא נארען וואס ווייסען ניט פון דייער קאפ אונ ניט פון דייער לעבען:
(ועתה) נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר בעטראכטען דיא
געשיכטע פון דיזעם בן פרק אונ זעה צו וועלכע דעה פון דיזע
פיר דעות קען ער זייא דינען פאר אראיה אין פלוג ווערט זיא דיר
אן ווייזען דאס זיא איזט מסכים מיט דער ערסטער דעה דאס
דעם מענשענס התחכמות אונ פרומע אן פפדונג אין געטליכע זאכען
ווייזען ניט מעלה אונ ניט מוריד אין דעם פארטגאנג (הצלחה) פון
זיין לעבען דען אזו געפינען מיר דא אין דיזער געשיכטע דאס דיזער
בן פרק האט זיינע לעצטע פופצעה יאהר צו געבראכט אין הוילע
בעטלעריא ווייל ער האט איין געזעהען דאס אלע זיינע התחכמות
האבען אים אין קיין זאך געהאלפין אונ אזו אויך האט ער קיין
נוצען גיהאט פון זיינער פרומקייט דען ער וואר דאך איין ערליכער
איד דער צו:

ולכן



ולכן) אונ דאהער מיינע טייערע לעזערין אום אפ צו האלטען דיר פון
דיזעם טעות וואס עס קען דיר חלילה שאדען אין דיינעם גאנצען
לעבען: ווייל איך דיר ווייזען פון דיזער געשיכטע גראד איינעם
פאר קערטען אונ בעסערין באיי שפיל וואס (לתכלית זאת) איזט זיא
פון מיינעם פעדער ארויס דאס הייסט איבער געזעצט: דען אזו איזט
איטער מיין שטיינער צוא פערבינדען מיט יעדער געשיכטע איין
אנדערען נוצען:

איך זעה איין אין דיזעם בן פרק איין צווייטען איגב' עס איז אים צו
בעדויערען: נור אבער ניט גערעכט צו געבען דאס ער האט מיט
רעכט פאר דרום געהאט אויף דער השגחה: אונ דאס ער האט מיט
רעכט פערבראכט זיינע לעצטע יארען נור אין בעטלעריא: אין
דער ערסטער זאכע וואר ער אום גערעכט: ווייל מיר געפינען אים
אין זיינעם גאנצען לעבענסלויף (מרוצת ימי חייו) זייער אונפארזיכטיג
ער האט דאס גליק שוין כמה מאל פאר דיא אויגען געהאלטען אונ האט
עס איין געלאזען אונ (מכל שכן) דאס ער וואר אין זיינע געטליכע זאכען
גאנץ פער נאכלעסיגט (אפגעלאזען) אונ אין דער צווייטע זאך וואס ער
האט זיך אפגעגעבען צו דעם בעטיל שטאנד: האט ער גענאן אויך
(נגד השכל) אונ נגד דיא דעות פון אנדערע (מקראי קודש) איוב האט
געזאגט (הלא צבא לאנוש עלי ארץ וכימי שכיר ימיו): דאס הייסט דער
מענש מוז דורך לעבען זיינע יארען ווייא איין סאלדאט אונ אוים דינען
זיך ווייא איין זעלנער נון בשם היא אין זעלנער וואס שטייט אין שלאכט
מאר ניט ארויס טרעטין פון פראנט אונ ווייל ער זעהט דאס דיא
שלאכט איזט פערלארען אונ זיין שטרייטען ווערט שוין ניט העלפען
אזו טארען מיר ניט בלייבען אונטהעטיג אונ לייבען ביז אונזער
לעצטען טאג פון לעבען: אונ בפרט נאך ווען עס איזט נאך צו האפען
דאס דיא שלאכט איז נאך אין גאנצען ניט פער לארען ווייא שלמה המלך
האט געזאגט (בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך כי אינך יודע איזה
יכשר הזה או זה) דאס הייסט אביים אין דיינע יונגע יארען אונ לאז דיך
ניט

מוסר - השפלען

# בן פרק

1865 (בשנת) אין דעם יאהר תרכ"ה איזט געשטארבען אין דעם חודש אדר
דארט אין לאנדאן איין געוויסער איד וואס מען האט אים גערופען
דארט (אייביגער יודע *) ביי זיינער לויה וואָרען צעהענדליג טויזענדע
מענשען פון פערשיידענע קלאסען פון לאכט טרעגער ביז דיא גרעסטע
הערשאפטען פון דער רעגירונג ווייל זייא אלע האבין דיזען מענשען
גיקענט פון גרונט אויס דען גאנצע פופצעהן יאהר האבען זייא אים
גיזעהען טעגליך זיצענדיק אויף דעם בריק (וועסט מינסטער) דיא האנט
אויס געצויגען פון פריא מארגען ביז אבענד אונ האט גיבעטעלט ביי
דיא פארבייא גייענדע אונ דאך וואר נים איינער פון דער גרויסער
שטאדט וואס זאל אים געקענט האבען פון זיינער קינדהייט אן אונ
ביוא אלעם דעם אלס דיזער אויס געצייכנעטער מענש איז גישטארבען
זיינען צו זאמען געקומען דיא דארטיגע גאנצע אידישע געמיינדע דיא
רבנים דיא גבירים דיא אדירים דיא גרעסטע קויפלייטע וואס מאכען
געשעפטען אויף מיליאנען האבין פערלאזין דאן דיא בערזען דיא
קאנטארען אונ האבין מלוה גיוועזען דיזען וואונדער מאן וואס האט צו
זאם גיטהונקען דעם בימערין בעכער וואס איזט אין דער האנט פון
אונגליק כל זמן ער האט גילעבט דען פון דער געבארענע שעה אן
ביז זיין טויט וואר ער נור איין ציל בדעם פאר דיא גיפטיגע פיילען
פון זיין אייזערנעם שיקזאל (מערכה) אונ וואר דער בייא אזו רוהיג
וויא אמאל איוב וואס דער פסוק זאגט אויף אים (ולא נתן תפלה לאלהים)
דאס הייסט ער איזט חלילה גאט נים גראב אן גיקומען דער
וואהרער נאמען אבער פון דיזען מענשען וואר (בן פרק) אין

ניבארענער

*) איין צו זעהען אין איינעם דייטשען בוך וואס ער הייסט
דער עוויגער יודע.



נים אפ אין דיזע לעצטע יארען דען פיליכט קען שפעטער בעסער
זיין אלס פריהער נון אזו מיינע טייערע לעזערין וועז דער שפריך וואָרט
זאגט דאס מיר מענשען ווערען קלוג דורך דעם אומגליק פון אנדערע
האבען מיר קיין שענערע לעהרע אלס דיזע געשיכטע אום צו לערנען
פון איר וויא דער מענש מוז זיין איין גרויסער גיבור אין זיין לעבען צו
איינהאלטען זיך פון אלע אונפאלע וויא עס האט געטראפען מיט דעם
(1) בן פרק למשל דאס מען זאל גאר דיא געלט נים אן טרויען אין איינער
האנד דאס מען זאל קענען בדלות ווערען דורך איין אן זעץ ווידער
(2) דאס מען זאל זיך נים אריין לאזין אין א משפט מיט א זעלכען וואס איזט
אגרויסער תקיף אונ האט עובר גיוועזען אויף צווייא וויכטיגע אזהרות
פון (שלמה המלך עליו השלום) ערסטענס האט ער געזאגט (תן חלק
לשבעה וגם לשמונה כי לא תדע מה יהיה רעה על הארץ) דאס הייסט
צו טייל דיין אייגענס אויף זיבען אדער אכט טייל ווייל דוא ווייסט נים
וואס פאר איין אונגליק עס קען אין דער וועלט געשעהען אין ווידער
האט ער געזאגט (אין האדם יכול לדון עם שהתקיף ממנו) דאס
דער מענש קען זיך נים משפטען מיט א גרעסערען (תקיף) אלס ער
אונ אזו האט דיזער בן פרק געטאכט נאך זייער פיל פאר זעהען אין
זיינעם לעבען אונ גאט איזט געדרכט אנטקומען לאנדאנער איוב
וויא אנטקומען דעם איוב פון עוץ:

געבארענער וואר ער (פון זמירנע · וואס זיא איזט · אין דיא מירקעשע
גריכענלאנד · ער זעלבסט האט ניט געוואוסט ווען ער איזט געבארין
געווארען · דאך אבער פון זיין געבורט אן ביז זיין שטארבען
זיינען איבער געלאפען אסך מעהר יארען אלעס פון איינעם געוויינליכען
מענשענלעבין · דען ער האט געלעבט זייער לאנג אום אוים צו
שטיין גענוג צרות אונ גענוג ליידען · פון זיינע גאנצע קינדהייט
געדיינקט ער מער ניט וויא דיא ווילדע מערקען האבין פאר אים
אין דיא אויגען געמארדעט דעם פאטער זיינעם פאר וואונדעט
דיא מוטער זייער שטארק דאס זיא איז אויך באלד נאך דעם
געשטארבען · זיינע דריי שוועסטער האבין זייא גענומען ציכפית
(מאנם נעווען) אונ דער נאך אים זעלבסט זייער שטארק געשלאגין
אויף דיא ריפען מיט אבלויזען שווערד דאס ער איז אפגעפאלען
מיט בלוט אוי חיים דאס די מירקען האבין געמיינט דאס ער איז
טוים שוין · אונ איז געבליבען ליגען אויף דער ערד פאר שוואכט
אונ פערטומעלט דאס ער האט גאר ניט געוואוסט וואו ער איז
אין דער וועלט · אונ ערסט אין אצייט ארום אלעס ער האט זיך
אין עטוואס אוים געצוכעט האט ער זיך דער וואוסט דאס ער איז
אין אשיף אויף דעם מעהר אונ דאן האט ער דיא שיפס לייט געפרעגט
וויא אזוי קומט ער אהער · מיר האבין דיר צו גענומען פון דעם
שלאכט פלאץ „האבין דיא מאטראזען געענטפערט“ אלס מיר האבין
געזעהען דאס רוא האסט נאך אין דיר לעבען האבין מיר דיך אוים
התמנות פון דארט צו געגאנגען דאמים דיא מערדער זאלען ניט
נאך אמאל איבער דיך איבער פאלען אונ האבין דיך אויף דיזער
שיף ארויף געבראכט נון האבין מיר דיר קיין רעה דער מיט
געטאן אונד דער נאך אלס דיא פינסטערנעס איז פערשוואונדען
געווארין פון זיינע אויגען אונ פון זיין זין · אונ עס האט אן געהייבין צווא
טאגין אין זיינער ווילע האט ער אן געהייבין זייא צו דער ציילען
וואס עס האט זיך מיט אים אפגעטאן „אונזערע צדקות“ האט ער
זיך



זיך אט גערופען „האט אוף אונז דיזען אונגליק געבראכט“ עס וואר
אין אונזער לאנד קיין רעגען דיא פעלדער ווארען פאר דארט אונ
פאר קווארט אונ דער הונגער האט שוין זיינע קוואטיר מייסטערט
פאר אוים געשיקט · דען עס איז אלץ געווארען אין דאפעלט טייער
צווייא וואכין האבין דיא טירקען געבעטען אין זייערע קירכען אום
רעגען אונ דער הימעל האט נאך ניט איין טראפין פערלארען
דא האט אונזער רב געהייסען דאס מיר אידען זאלען אן הייבין
מתפלל צו זיין מיר האבין נור איין טאג געפאסט אונ דר הימעל
האט זיך פון איינאנדער געוויינט אונ עס איז געפאלען אטראפען
נאך אטראפען אונ צו אונזערען אינגליק האט אן געהייבין גראד
צו רעגענען אין דעם טאג וואס דער פאשא האט בעשטעלט
דאס עס זאל זיין איין רעוויע · נון האט ער געהאט איינע טאפעלע
אורזאכע צו זיין אויף אונז אין כעס · ערסטענס ווארום איז אונזערע
אידעשע תפלה מעהר אנגענומען געווארען אלס דיא טירקעשע
צווייטענס האט עס אים געשטערט אין זיין פערגעניגען צו מאכען
דיא רעוויע · נון איז ער געווארען אויף אונז העכסט אויף געבראכט
אונ האט געהייסען דיא סאלדאטען וואס האבין זיך צו זאמען
געקליבען אויף דיא רעוויע דאס זייא זאלען זיך אביסעל אשפיף טאן
מיט אונז אידען אויף איינע שטונדען · נון האבין זייא אטייל
פון אונז מסית געוועזען · אטייל אוים געטריבען · אונזערע פרויען גענומען
ציכפית · לידער בין איך אויך איין אידעש קינד אונ בין בעהאנדעלט
געווארען וויא אלע אנדערע אונזערע ברידער וואס וואוינען אין
דיזער שטאט.“ אונ עס וואר אלס ער איז צו זיך געקומען האט
ער אן געהייבין צו גיין אויף דעם פאר דעק פון שיף הין אונ הער
אונ איז אלוי מיט דער צייט העכסט געזונט געווארען דורך דיא
הילף פון דעם שיפס דאקטער וואס האט אים אוים געהיילט פון
זיינע שווערע וואונדען אונ דורך דיא געזונטע וועטערען פון מער וואס
האבין זייער גוט געווירקט אויף זיין קערפער וואס וואר פון דער

נאטור זייער שטארק געבוים אונ אזוי האבין זיך די מענשען
פריינדליכע שיפסלייט ארום אים מטפל גענוען ביז די שיף איז
געקומען קיין לאנדאן · אונ דארט האבין זייא אים אראפ געלאזען אויף
דער יבשה מיט עטוואס געלט · אונ איז זיך אזוי ארין אין
דער גרויסע שטאט נים וויסענדיק וואו דעם קאפ אנידער צוא
לייגען דען ער וואר דארט ווילד פרעמד · אונ האט אום געוואנדערט
איינינע טעג אין איהרע גאסען וויא אין פערייאנטע פייגעל וואס
האט קיין צו פלוכטס ארט (פריטולים צע) :

אך (ה' הטוב) נור דער גוטער גאט וואס בענערט די גאנצע
וועלט מיט זיין גרויסען חסד אונ פערלאזט נים זעלבסט דעם וואורעם
אונטער דעם שטיין · האט דיזען עלענדען אויך נים פערלאזען
אין דיזעם מער פון מענשען · דען וויא ער איז זיך אזו בעגאנגען
האט אים איינער געבעטין דאס ער זאל אים אונטער טראגען זיינעם
אפעקעל · אונ האט אים זייער גוט בעצאלט דער פאר · אונ פון
דארט האט ער ווידער נעהאט איין אנדערן פעקעל אוועק צו
טראגען · אונ אזוי האבין אים די צווייא זיינע פערשאפט נאך אנדערע
נאנג אונ איז זיך געווארען אזוי (אתת לאתת) איין קליינער
לאסט טרעגער · אונ האט זיך אזוי דורך דעם · מעהר אלס דרייא יאר
גאנץ ערליך בענערט ביז ער איז געווארען איין רעכטער לאסט טרעגער
בייא דעם האפען פון מעהר אונ האט זיך מיט דער צייט צו זאמען
געקליבען אקליינעם קאפיטאל דאס ער האט בעקענט שוין צו טרעטען
צו אקליינעם (מסחר) אונ איז זיך אזוי געווארען איין קליינער
הענדלער · האט זיך געדונגען אקליינעם קעלער האט דארט אפגעלייגט
זיינע סחורה אונ אליין פלעגט ער צו שטיין מיט אקאשעק אויפם
אויף דעם בריק (ווערסט מינסטער) אונ האט זיך דארט גילייזט זייער גוט
פון די פערבייא גייענדע אונ וואר העכסט צו פרידען פון זיין לעבען ·
אך (מנוחתו זאת) נור אבער דיזע רוהע זיינע וואר נים פון
לאנגען דויער צום אונגליק וואר ער איין גאנץ שיינער יונג אונ





דיזע שוינהייט האט אים געמאכט פאר איין תפוס וויא די שוינהייט
האט אמאל געמאכט פאר אתפוס דעם פרומען יוסף עליו השלום
דען ער האט געהאט דאס אונגליק צו געפעלען איינע פארנעהמע
דאמע וואס האט געקויפט בייא אים פרוכט אונ האט אים געצאלט דרייא
מאל אזוי פיל וויא פיל ער האט געבעטין אונ פלעגט אים אזוי
אלע טאג געבען צו לייזען מיט דעם זעלבינען פרייז · אונ פלעגט
דער בייא צו פערברייננגען מיט אים מאנכע האלבע שטונדע קלייטערט
אוים קלייבענדיג די פרוכט · אונ אויס פרעגענדיק וואו ער קויפט
זייא · אונ וואס ער פאר דינט דער פון · אונ פלעגט אים צו בעדויערען
דאס ער דארף זיך פון אזו איינע ארעמע פרנסה נערערן · אונ נאך
אזעלכע געשפרעכע האט זיא מיט אים געהאלטען וואס
דעם בן פרק איז געוועזן זייער ליב צוא פערשטיין · דאס זייא
קוועלען נים פון דעם מקור הרחמנות · נאר פון דער ליבעס
קוועלען (קיזאל) · דען אזוי געפינען מיר אויך בייא די
נשים וואס האבין בעגעגענט דעם שאול בייא דער שטאדט רמה
אונ האט זייא געפרעגט וואו עס וואוינט (שמואל הנביא) האבין זייא
אים געענטפערט מיט גרוים אריכות · אונ האבין אוועק געפלוידערט
מיט אים אהיפשע צייט ווייל (וויא די גמרא זאגט) דער (שאול) וואר
דיער שין האבין זייא געוואלט דער ווייל דאס פערגעניגען האבין
צו פערברייננגען מיט אים · דאך דער אונטער שייד פון (יוסף הצדיק)
אונ (שאול המלך) · אונ צווישען אונזער בן פרק וואר אין דעם ·
דארטין האבין זיך די פרויען אין זייא געליבט · אונ וויא אין די
פרויען גאר נים · אונ דא בייא אונזער בן פרק האט איר ליבע צוא
אים אויף געוועקט בייא אים אין הערצין אויך איינע ליבע צו איר
צוואר מען האט פון ביידע צדדים נים געשפראכען דער פון דייטליך
נור זייערע שטומע בליקען אונ די ווייטע דבורים זייערע האבין
פיל מער געדייטעט אונ ערקלערט זייערע בעהאלטענע געגענזייטיגע
ליבע צו איינאנדער מעהר אלס אלע פערהאנדלונגען אין אנדערע

גישעפטן · קירץ דער פון זייא ווארין איינע אין דיא אנדערע העכסט
פער ליבט · נים פרעגענדיק זיך ווער זייא זיינען · דען כשם וויא
זיא האט נים גיוואוסט פון וואנען ער שטאמט ארוים · אזו האט ער
נים גיוואוסט אויך אן וועמען זיא גיהערט אן · נור פון איר שוינהייט
פון אירע קליידונג . פון אירע צירונג · אונ אזו פון איר איידעלע
שפראכין איז גיוועזן זייער לייכט צוא פאר שטיין דאס זיא איז
פון אנרויסע הויז :

בן הלפו שבועות כמה) אונ אזו זיינען זיך איבער געלאפין
כמה וכמה וואכין אונ דיזע פארנעמע דאמע האט נים פאר פעלט
צו קומען צו אים קויפין פרוכט דארטין אויף דעם בריק (וועסט מינסטער)
אונ אלע טאג פלעגט זיא צו מאכין מיט אים אנייעם געשפראך
אונ אלע טאג פלעגט זיא אים פאר גרעסערין אונ פאר טאפלען דיא
בעצאלונג · ביז עס איז אזו ווייט גיקומען דאס אן שטאט אגילדין
פלעגט זיא אים צו געבין אשטערלינג (דאס איז מער אלס איין פאר
דוקאטין) אונ האט אים אין אקורצע צייט אזו בעריייכערט דאס ער
האט זיך שוין גיקענט דינגען אקראם · אונ צירען איר מיט דיא
שענסטע ארטיקולען פון אלער האנט פרוכט · אונ דאן פלעגט זיא
זיך שוין מאכין איין אוים רייד פאר אים דאס זיא וויל דא פאר
בלייבין אין קראם ביז דער רעגין וועט איבער גיין אדער ביז
וואגען איר קאץ וועט קומען אהער איר אפ נעמען · דען זיא האט
אזו איר קוצער בעפוילען באם עס וועט זיין שלעכטער וועטער וועט
זיא אויף אים ווארטין דארטין אין קראם · קירץ דער פון דיזער
שטילער ראמאן (ליבשאפט) האט זיך אוועק גיצויגין כמה חדשים ·
אונ האט זיך געשטיגען פון טאג צוא טאג · דאך צוא בייזעס
איז עס נאך נים גיקומען · דען עס איז פון אים אויף איין מאל נים
גיווארין · אונ דער בן פרק האט נאך דער בייא זיין קליינעם פאר
מעגין אונ זיינע פרייהייט אויך פאר לארין · דען איין מאל איז
גיקומען צוא אים איין אלטליבער הער · דאר ווא אשפאן · גישאפטס
ווייא



וויא אנגאנגן · דען ער וואר איין דושליוער · אונ האט בעטראכטעט
זיין קראם סחורה · אונ אזו אים אליין אויך · האט אים גיבעטין
אום ערלויבנס דאס ער זאל זיך בייא אים איין עט וואס אוים רוהען
האט בייא אים גיקויפט איינגע אפלעצינען אונ האט זייא מאכי
בייא אים אויף גיגעסין אונ זייא זיינען אים העכסט גיפעלין . הערין
זייא ליבער הער פרק' האט ער צוא אים גיזאגט · דען זיין נאמען
וואר גישריבין אויף דעם שילד (זגאק) פון זיין קראם . איירע
אפלעצינען זיינען פון בעסטין סארט · נון וואלט איך געוואלט דאס
זייא זאלין מיר קענען פאר שאפען עטליכע שאק אזעלכע אונ נוס
איין פאקין אין אקארב אונ אפ פירען עס אויף דער שיף וואס שטייט
דארט לעבין דעם בריק וועסט מינסטער איר נאמען איז "דער דעלפין"
דער שיפס קאפיטאן הייסט האמילטאן · נון זאלין זייא אים אפ
געבין דעם קארב אונ דער צו וועל איך אייך נאך געבין איין פאר
דינעלטין צעטעלע · דאס ער זאל אייך דארטין דער לייגין וואס אייך
וועט קומען · דען איך האב בייא זיך נים אזו פיל געלט אין גאנצין
צוא באצאלין אייך · גאנץ רעכט ליבער הער האט אים דער בן פרק
גיענטפערט · איך קען אייך דאס זייער לייכט פערשאפען · דא האט
דיזער אונבעקאנטער הער באלד אפ גישריבין אצעטעלע בייא אים
אין קראם אונ שרייבענדיג האט ער שוין בעשטימט מיט דעם בן
פרק דעם פרייז · האט אים גיגעבין אפאר שטערלינג האנד געלט
אונ האט בעשטעלט בייא אים אשאק צעהן · אונ האט זיך אלזא
אפ גיזעגענט מיט אים זייער פריינדליך . איך פער דיזע מאכין פריא
נאך נייא "ארק" האט ער אים גיזאגט · נון לעבט וואול אונ מאכט
בעסערע גישעפטין · גיב גאט דאס איך זאל צו ריק געזונטער
קומען · איך מאך דיזע ווייטע רייזע · ווידער ווילין · דען עס איז
מיט מיינער געזונדהייט זייער שלעכט · דאך ווילט זיך נים איין
ערבשאפט פון איין האלבין מיליאן שטערלינג . פארלירין · קום איך צו ריק
געזונטער וועלין זייא וויסין וואס פאר אנומער הער איך בין · אה
דאן

דאן וועל איך שוין וויסן וואס צו מאן פון אייערם וועגן דען איך פאסט פאר וואס בעסערס אלס צו זיין אין פרובט הענדלער: נון הער ווילע בעט גאט דאס איך זאל האבן איינע גליקליכע רייזע אונ לעבט וואול אדיע"׃

(והשר הלך) דיזער הער איז זיך אוועק פון קראם אונ אונזער בן פרק איז געבליבן שטיין ווי א אין צו מיטטער עפעס: ער איז געבליבן שטיין ווי איינער וואס איז העכסט ארעם אונ מע זאגט אים אן איין געווינסיל עפעס: דען צייט אמאל פינף יאהר האט ער שוין זיין האמע אין דיא אויגן נים געזעהען: אונ דיזע וואר זיין אלעס זיין גליק אונ זיין פערגעניגען: דען נור איר אליין האט ער גיהאט צו פאר דאנקען זיין איצטיגין קליינעם שטאנד: זיא אליין וואר דיא איינציגע אין דער גרויסע שטאט לאנדאן וואס האט אים איר ליבע געשיינקט: נון האט ער פינף טעג שוין איר נים געזעהען: נון ווייס דער ליבער גאט וואס מיט איר איז געווארין: פיליכט איז זיא קראנק: אונ פיליכט איז זיא גאר געשטארבין: אונ פיליכט ליבט זיא אים שוין מער נים: דען וואס איז נאך אין דער וועלט אזו פערענדערליך ווי א דער וועטער: אונ ווי א דער פרויען זין: אונ וואר דאהער זייער ארגט בעפאלען ביי א זיך: נון האט זיך געפונגען איצונד איין אנדערער וואס וויל זיך קימערין וועגין אים: אונ האט דער ווילע זייער גוט געלייזט פון אים: איינע פריידע איז פאר דעם וואס האנדעלט אין איינער גרויסע וויסטעניע בשעת ער דער זעט פון ווייטן איין הירטין צעלט: אונ איינע פריידע איז פאר איינעם עלענדין אונ פאר לאזענעם מענטשין ווען ער זעהט דאס איין גרויסער רייכער מאן וויל וואס דיינקען פון אים: אונ מיינט אים אמאל צו העלפין: זיא איז דער ערסטער שטראל פון דער פריהלינגס זון וואס פאלט ארויף אין דעם איין פאר פראריענעם פענסטערל פון איינער ארעמינקע שטיבעלע: זיא איז אבער איז דער ערסטער שטראל פון האפענונג וואס פאלט ארויף אין איינעם

פערקימערטין





פערקימערטין אונ פינסטערין הארצין זיא עס וואר ביי א אונזערין בן פרק: אנאנגצין מאן וואר ער בעשעפטיגט אום דאס אפלעצינגען איין פאקן: אונ האט זיך געקוויקט אלין מיט דער צוקערזיסע האפענונג צוא דער לעבין וואס גרעסערס פון דיזעם גרויסין אונ גוטין אונבעקאנטין הערין:

(ויהי לעת הערב) אונ עס וואר גענין אווענד האט ער דעם קאחב ארויף געלייגט אויף זיין קליין הענגיל וואס ער פלעגט אלין צו פירין אמאל לאסטין אויף אים: אונ האט אים געבראכט צוא דער בעשטימטע שיף "העלפין" קוים האט אים דער זעהן דער שיפס קאפיטאן אונ האט אים געפרעגט צי ער איז עס דער בן פרק אונ ער האט אים גענטפערט יוא האט ער אים ארין גינומט צוא זיך אין קאיוטע (צימערל) אום צו בעצאלין אים דארטין דאס געלט: אונ האט אים טראקטירט דארט מיט אנגלאו פאנס: אונ האט זיך מיט אים פון איינאנדערער גירעט וועגין דעם סחור פון פרובט צוא לויגם וויך דיא סיהע צוא ברייגנען אפלעצינגען פון דיא קאנאדישע אינזעלען: דיזער געשפרעך האט גידויערט בערך איינע האלבע שטונדע אין דעם האט דער בן פרק אן גיהייבן צו שפירין דאס דיא שיף גיים אונ פון מינוט צו מינוט אלץ שטארקער אונ שטארקער. "ליבער הער" האט ער זיך אפ גירופין צו דעם שיפס קאפיטאן זייער צו שראקענער הייט "איצט שיף איז דאך אוועק גיגאנגען: נון וואס וועט מיט מיר זיין: איך מוז דאך מיך אום קערין באלד נאך הויזי קימערין ווייל זיך ניט דארום האט א ס דער שיפס קאפיטאן געענטפערט" דיא שיף וועט קיין נוה איינע קליינע שטרעקע ביז דעם באוועל פאבריק אום דארט אב צו לאדען פינף הונדערט באלן באוועל אונ קערט זיך באלד ווידער צו ריק: אונ וועט ערסט מארגין אם פריה פון דאנען: אונ דער ערסטער פאסאזיר דאס ערסטע דער הער וואס האט ביי א איך גיקויפט דיא אפלעצינגען וועט ערסט מארגין אהום פינף אזייגער ארויף שטייגין אויף דיזער שיפע נון ווען איר ווילט

דאן וועל איך שוין זיכן וואס צו מאן פון אייערם וועגין דען איר





זיך מיט אים נאך אמאל זעהן פאר זיין אוועק פארין קענט איר דא אויף דער שיף נעכטיגען · אונ עסן דא אוועגט ברויט · איך גין אייך דאס פון הערצין · דען דיזער הער איז איין בראווער גוטער מאן אונ איר האט דאס גליק גיהאט צו גיפעלין אים · עס וועט אים אויך פרייען אייך דא ווידער צו זעהן:

דברי הנעימים האלה) דיזע צימליכע רייד ווארין גינוג מעכטיג צו בערוהיגין דיזען עלענדין מענטשין · אונ צוא פועלין ביי אים דאס ער זאל דא בלייבין נעכטיגין אויף דיזער שיף · ער האט גיגעסין אנגופין אוועגט ברויט אונ האט זיך גילייגט אויף איין נוטין ארט שלאפין דאך אבער האט ער קיין אויג צו גימאכט · דען ער האט גימערקט דאס דיא שיף וועגילט זעגילט זייער מעכטיג נאר אן אויף הערונג נון האט ער גיוואלט לויפין צו דעם שיפס קאפיטאן אונ פרעגין אים וואס וועט דא זיין מיט אים דאס ענדע · ער האט אבער ניט גיקאנט ארויס פון דארטין · דען דיא קאיוטע אין וועלכע ער האט גישלאפין וואר צו גישלאסין · נון האט ער צו גיבראכט דיא נאכט דארטין אין גרויס דאגה אונ אין איינער שרעקליכין אונרוהע וויא מען קען זיך גור פאר שטעלין · דען ער האט ניט גיוואוכט וואס איבער צוא טראכטין וואס דער שיפס קאפיטאן וויל דא מיט אים מאכין · אונ אזו האט זיך אים דער מוח שיר איבער גיקערט דיינקענדיג אלץ ביז עס איז גיווארין טאג · אונ דאן ארום ניינען האט מען אויף גישלאסין דיא קאיוטע ויינע:

חיש) געשווינט וויא אפויגיל פליט ארויס פון איר קלעטקע באלד וויא מען עפינט נור דארטין דיא טירעלע · אזו געשווינט האט ער זיך ארויס גיהאפט פון דער קאיוטע · אונ אין פעגדאס ארין גיפאלין צוא דעם שיפס קאפיטאן אונ האט אים אן גיהייבין זייער שטארק צוא דעקין (וזדלען) פאר דיזע גרויסע אומרעכט וואס ער האט אים גיטאן צו פער פירין אים פון דער היים וויא איין זעער רויבער · אונ האט אים גיפרעגט זייער גראב וואס ער מיינט דא צוא מאכין





מאכען מיט אים · אונ אלס דער שיפס קאפיטאן האט אים ניט גיוואלט ענטפערען האט ער אים אן גענומען פאר דיא קלאפעס פון זיין קלייד אונ האט גיוואלט מאכען אגוואלד · דען ער האט געמיינט דאס עס זייען דא אויף דער שיף נאך אנדערע פאסאזירען נון וועט ער וואס ארעכט בעגיין · ער האט זיך אבער גאנץ געאירט · עס וואר אויף דער שיף קיין אנדער פאסוזיר לבד אים אונד לבד דיא מאטראזען · דען זיא וואר נוה איינע לאדונגס שיף · דא האבין אים דיא מאטראזען שרעקליך געשלאגען · אונ האבי אים אויף דעם בעפעל פון דעם שיפס קאפיטאן געשמיט דיא הענט אונ דיא פיס אין קייטען · דען ער האט געזאגט באם דער שיפס קאפיטאן וועט אים ניט אפפירען צו ריק וועט ער ארין שפרינגען אין וואסער · אונ איז אזוי געוועז געשמידט עטליכע מעג · אונ זיינע אויגען האבין אים ניט געטריקענט דיזע גאנצע צייט:

(ויהי ביום החמישי) אונ עס וואר אויף דעם פינפטען טאג איזט ארין צוא אים דער שיפס קאפיטאן מיט איינער מענשען פריינדליכע מינע · אונ האט צו אים געזאגט אזוי ליבער פריינט זייא ווימען איך האב צו דיר גאר ניטס · איך האב עס געטאן נור מיט דעם בעפעל פון דיזעם קראנקליבען אונ דארען הערען וואס ער האט ביי דיר געקויפט דיא אפלעצינגען ער איזט איין גרויסער אונ מעכטיגער לארד וואס האט זייער פיל צוא זאגען אין גאנץ איינגלאנד · אונ נאך איזט ניט דא איינער וואס זאל זיך וואגין אים ווידער צו זיין אונ בפרט איך וואס איך דין אויף זיין שיף · דען דיזער מאן האט מער אלס הונדערט שיפען וואס זעגלען איבער אלע מערען פון דער וועלט בעלאדען מיט דיא טייערסטע סחורות פון אלע חיינטע אינזלען · נון מיין קינד האסט דוא דאס אונגליק געהאט צו געפעלען זייטער פרויא דיא שענסטע דאמע פון לאנדאן · ויא האט אים געהייראטהעט נור געצוואונגענער היים דען

עס

עס וואר דער בייא איינע פאמיליע אינטערעסע · נון פערשפיגט
זיך דאס דיזער דארער הער וואס פאסט צוא זיינער פרויא וויא
מאי צו דעצעמבער איזט אויף איר העכסט אייפערזוכטיג (קנאהדיק)
אונ קוקט איר נאך יעדען טריט · נון האט ער אן געשפירט דאס
זיינע פרויא איזט פערליבט אין דיך שטערבליך · אונ האט איר
דאהער שוין פינף טעג איינגעשפארט אין שטוב אונ לאזט איר
ניט ארויס אויף דער ווייטע וועלט · אונ דיך וואס ער האט
געוואלט פון דיר לויז ווערען : האט ער מיט דיא
אפלעציינען אונ מיט זיינע זיסע דייר ארויף געבאוועט אהער אויף
דער שיף · אונ האט מיר אזוי געהייסען דאס איך זאל דיר
אוועק פירען אויף אזוייטע וויסטע אינזעל וואס דארט וואוינען נור
מורינען אפאר הונדערט וואס זיינען זיינע סקלאווען אונ אצוואנציג
דרייסיג אראפייער מיט זייערע פאמיליען וואס זיינען דיא אויפזעהער
אויף זייא אונ זיינען שכירות מענשען בייא דיזעם לארד: דען דיזער
לארד האט דארט איין פאבריק פון קוועקזילבער · מן וועט איר
מוזען דארט פערבלייבען ביז זיין נומער ווילען וועט זיין: דאך וועט
איך דארט ניט פעלען קיין זאך · אונ דער נאך האט דער שיפס
קאפיטאן געהייסען אראפ נעמען פון איהם דיא קייטען אונ האט
איהם בעהאנדעלט פון יענער צייט אן זייער פריינדליך · אונ דער
בן פרק האט אויך זיך מצדיק געוועזן דיזען דין אונ איזט
געווארען רוהיג · דיא גאנצע צייט פון דיזער ווייטע רייזע אויף
דעם ים האט ער פערבראכט · אין געבעט אונ אין לערנען · דען ער האט
דארט דער וויסט אינטער דיא מאטראזען אפאר אידלאך וואס
האבען מיט זיך גענומען אתנך · צסדור · תפילין · אין אפאר חרשים
ארוס זיינען זייא געקומען אויף דיזער אינזעל · אונ האבען דיזען בן
פרק איבער געגעבען צו. דעם אויפזעהער וואס דארט איז · אונ
דער שיפס קאפיטאן האט דארט גענומען לאדונג האט ער זיך מיט
דעם בן פרק אפ געזעגענט · אונ האט איהם פערשפראכען צו טאן
וואס



וואס (לטובתו) דארט אין אראפא דאס הייסט אין לאנדאן אונ
איזט באלד מיט דער שיף צו ריק אהער ווייטער אוועק :
(לפי הנראה) זוויא עס ווייזט אויס וואר דיזע קליינע אינזעל
איינע פון דיא קליין-זונד אינזעלען וואס ליגען אין דרום זייט
פון אסט-אינדיע אנטקעגען נייע האלאנד : עס איזט דארט דיא
לופט זייער אונגעזונד · אונ ווערט נאך דער צו זייער פערשלימערט
דורך דיא קוועקזילבער פאבריק : דען בשעת מען לייטערט עס
איזט זיא פול מיט איינעם שוועבעל גרוך : לבד דעם איזט זיא
זייער פרוכטבאר · עס וואקסט דארט פון אלעם גוטען · עס קומט
אהין קיין ילוד איש לבד דיא איינגלישע שיף פון דיזעם איינגלישען
לארד : קומט אהין נור איין מאל אין יאר אפ צו נעמען דיא פארטיגע
קוועקזילבער : אויף דיזער אינזעל האט ער צו געבראכט אפאר
יאר אין גרויס עלענד אין גרויס קומער : דען ער האט זיך ניט
געקענט פאמיליארען (מתחבר זיין) ניט מיט דיא סקלאווען אונ ניט
מיט דיא איינגלענדער · מיט דיא סקלאווען ניט וויל זייא זיינען
דום וויא דיא פיה · אונ ווערע אזוי אויך בעהאנדעלט : מען ארבייט
דארט מיט זייא וויא מיט אקסען : עס שטארבען אויס פון זייא
אלע יאהר מעהר אלס צעהען פראצענט · אונ מען איז עס ממלא
מיט נייע געקויפטע · זייא אליין פערמערען זיך גאנץ ווייניג · דארט
אונ מיט דיא איינגלענדער ניט וויל זייא זיינען דארט העכסט
פרומע קריסטען · אונ פלעגען אלץ אין אים דרינגען דאס ער
זאל זיך טויפען : אונ אלעם זייא האבען מיט גוטער אליין ניט
געקענט ווירקען אויף איהם · האבען זייא אויף איהם אן גערייצט איינע
ארט זליבע וואס וואר פיטיפרם ווייב · דאס הייסט אשיינע מיידכען
זייערע וואס האט אים אלץ אן גערעט צו טויפען : דאמיט זיא
זאל קענען מיט איהם חתונה האבען · אונ ער וואס ער וואר ווידער
איין רעכט פרומער יודע וואס ער האט עס ניט געוואלט הערען
אונ זעהען פלעגט ער זייא אלעמען אויס מיידען · אונ פלעגט צוא
פערלעבען

פערלעבען זיינע טעג אלץ אין איינזאמקייט (התבודדות) : איין
אנדערער וואלט געוויס אומקומען דארט פון קומער אונ פון לאנגווייליע
(סקוצנאסם) אונ נאך מעהר פון דעם שטארקען שוועבעל גרוך ·
נור ער האט עס אלץ פארטראגען אונ אויס געליטען וויא איין
גרויסער הילד : ערסטענס וייל ער וואר פון דער נאטור זייער
שטארק געבוים אונ צווייטענס · וואר ער פון גרונט אויס פרום
אונ האט געגלויבט דאס אלעס וואס גאט טוט דא מיט אים איז
עס בוודאי (לטובתו) · אונ האט אלזוי געהאפט אויף בעסערע
צייטען אונ וואר העכסט רוהיג דער ביא :

(ויהי לתשובת השנה) עס וואר אין איאר ארום איז דיזעלביגע
שיף מיט דעם זעלביגען שיפס קאפיטאן ווידער געקומען ·
דיזעם טאג אין וועלכען דיזע שיף פלעגט צו קומען אויף דיזער
אינזעל · וואר אזו ביא די שקלאווען אונ אזוי ביא די איינגלענדער
איין גרויסער פעסט (יום טוב) · אונ פשיטא שוין ביא אונזער
בן פדק וואס ער האט אויף אים געווארט וויא אויף משיחען ·
קוים האט מען דער הערט דעם ערסטען שאס פון מער ארוים ·
האבען זיא זיך אן געטאן אלע (יום טובריק) · אונ זיינען ארוים צום
ברעג מיט פאנען אונ מיט פויקען · נון אלזוי אין דיזעם יאר איז
מיט זיא ארוים דארט צוא דעם קליינעם האפען · אויך אונזער
בן פדק וואס האט געמיינט דאס עס קומט אן איצונד זיין
ערלייזער · ער האט זיך אבער גאנץ גע אירט. „ניין ליבער פריינד״
האט אים דער שיפס קאפיטאן געזאגט · דיזער יאר האט נאך
דער ווילע קיין גוטעס פאר איך געטאן · איר מוזט דא פערבלייבען
נאך איאר · פיליכט וועט איך אייער שיקזאל (מערבה) בעסער
דאן בעהאנדלען וויא איצונד · איך האב איך געוואלט טאן א טובה ·
אן מיינעם גוטען-ווילען האט עס ניט געפעלט · עס איז אבער
מיט מיינעם הערען נאך קיינע צייט צו רייזען דער פון :

שלשה





(שלשה ימים) דרייא טעג האט זיך די שיף דארט פערזאמט
אויף דיזער אינזעל · אונ דיזע דרייא טעג איזט צוא געבראכט
געווארען אין עסען אין טרינקען אין טאנצען אונ אין פרייליכעם
לעבען : דען עס איז געבראכט געווארען פאר יעדערען בעזונדער
איינע אנדערע מתנה · זעלבסט פאר די שקלאפען · אונ פאר
דעם בן פדק האט ער געבראכט איין ביבעל (תנב) אסידר ·
אונ נאך איינינע אידעשע ספרים אום וועלכע ער האט אים דאן
געבעטען · אונ האט אים זייער שטארק אויסגערעט וואס ער איז
זיך אזוי מרחיק פון די איינגלענדער ; אונ איזט זיך אלזוי ווידער
אפגערייזט מיט דער שיף · אויף דער אינזעל האט זיך אומגעקערט
דיזעלביגע שטילקיים וואס וואר פריהער · אונ אונזער בן פדק ·
האט דעם צווייטען יאר שוין פיל בעסער צו געבראכט אלס דעם
ערסטען יאר · ערסטענס פלעגט ער זייער פיל צו לייענען די ביבעל ·
צווייטענס האט ער זיך צו געלערנט די היסטאלאציאן פון די
קוועקזילבער · אונ די אנדערע פלעגטער צו פארברייגען מיט די
איינגלענדער אין (תבותים) פון דער אמונה הדען וויא זיינען גרויסע
פריינד דער פון אונ פלעגען זוכען אלץ מנצח צו זיין איינער דעם
אנדערען מיט ראיות פון דער ביבעל וואס דער בן פדק האט איר
געהאט אין (לשון הקודש) אונ זיא אין איינגעלס · אונ זייען זיך
געווארען דורך דעם די בעסטע גוטע פריינד · דען איינער האט
געלערנט דער ביא זייער פיל פון דעם אנדערין :

(ובן תלפה) אונ אזוי איזט זיך איבער געלאפען דאס צווייטער
יאר : אונ די איינוואלאנער (די איינוואוינער פון אינזעל) האבען
געווארט מיט גרוים פערלאנג אויף די אן קונפט פון דער שיף
פשיטה שוין אונזער בן פדק ·

(ובן באה) אונ אזו אין די שיף געקומען אהין אין איר בעשטימטע צייט
מיט דעם זעלביגען שיפס קאפיטאן אונ האט דיזעם מאל געבראכט
איין פרייליכערע מינע · מעהר אלס פאר איארען דען באלד וויא

ער

## בן פרק

ער האט נור אהין געטראכטען אויף דיזעם איינציגען האט ער דעם בן פרק דער לאנגנט דיא האנד זייער פריילך אונ האט צו אים געזאגט נון מיין ליבער בן פרק מאכין זייא זיך רייזע פערטיג דען אין דרייא טעג ארום זעגלען זייא מיט מיר נאך לאנדאן צו ריק וויל מיין הער האט שון ניט מעהר וואס צו פירכטען זיך פאר אייך הען זיינע פרויא איבער וועלכע איר ליידעט איז שון טויט דיזע זיסע בשורה וואס ווארט פאר מישט מיט נאל דען עס האט זייער לייד געטאן אים דיזע דאמע וואס זיא האר אים ליב אונ צו גלייך זיינע וואהלטהעטערין האט אים ארוים געזעצט פרעיין פון דיא אויגין אונ זיין געוויסען (מאוועסץ) איז אים געווארין פערוואונדעט אונ ער האט זייער געפירכטעט צו האט זיינע ליבשאפט צו איר ניט פערראורזאכט איר טויט נון איז אים ניט בעשערט געוועזען צו גיניסען דיא פריידין פון זיינער ערלייזונג אין פולען מאס :

(בהימים השלשה) אין דיזע דרייא טעג וואס דיא שיף האט זיך דארט פערזאמט האט ער צו געבראכט נור אין הילע ווענטען זיך מיט יעדען מענשין בעזונדער ועלבסט מיט יעדען נעגער (מוהרין) מיט יעדען קינד דען ער האט אין דיזעם צווייטען יאר זייער פריינדליך גלעבט מיט יעדערין באזונדערע אונ יעדער בעזונדער האט אים ליב געהאט אונ בפרט נאך דיא שיינע טאכטער פון דעם ענגלענדער וואס האט געוועלט מיט אים חתונה האבין באם ער וועט זיך טויפין ער האט ועלבסט אפ שייד גינומען מיט יענע אייגזאמע (אפגיזונדערטע ערטער) וואו ער פלעגט צו לערנען אונ צו דאוונען ער האט זיך געזעגינט ועלבסט מיט דיא ווע לען (איברען) וואס ער האט שון במעט זייער הויזענגע שפראכע פארשטאנען אונ האט אזו אפגעזעגענט מיט דער שיף אונטער אשטראם פון טרערין · אונ זיין הארץ וואר אים זייער פאר קלעמט דען ער האט שון ניט געטרויט דעם שיפס קאפיטאן דאס ער וועט אים ווירקליך ברייגנען צו ריק קיין לאנדאן : אויף דער רייזע האט ער געהאט פון אים דיא בעסטע בעהאנדלונגען אין דער וועלט

דאך



## בן פרק

יג

דאך אלס ער האט ביוא אים אן געהויבין נאך צו פרעגין ווער זיין הער איזט וואס האט אים אומזיסט אזו פיל וויא געטאן · איזט ער מיר דאריבער נאך אמאל פרעגין וועל איך אייך אראפ לאזין אויף דער ערסטע וויסטע אינזעל וואס מיר וועלין אן קומען אויף דעם מעהר„ · נון האט ער שון מער קיינע ביידע דער פון גימאכט אונ האט אזו קוים דער לעבט ארין צו שטעקין דיא נאזע זיינע אין לאנדענער האסען · ביא דעם שיידען זיך פון דעם שיפס קאפיטאן האט ער אים אפגיגעבין דיא רעסטע געלט וואס עס האט געקומט פאר דיא אפעלציינגען אונ האט אים נאך דער צו געשיינקט אפאר אלטע (מלבושים) דען ער וואר זייער אפ געריסען אונ דער בן פרק האט אים שון מער אין דיא אויגין ניט געזעהן ·

(ויתהלך שנית) נון האט ער ווידער געוואנדערט וויא איין פאר איידטער איבער לאנדענער גאסין · אונ האט ניט געהאט קיין (לינת לילה) דיא ביסעלע געלט וואס ער האט געהאט האט ער אוועק גיגעבין פאר אקוואטיר · אונ איז זיך געווארין איבער נייעם אלאמט טרענגער ער וואר דאן שון אלט איין אונ צוואנציג יאר גינוג גיזוגט אונ זייער שיין אונ האט זיך אן געהויבין ביסלאך ווייס נאך צו פארשען אזו פיל וויא גיטאן ער האט זיך אום דעם באמתהם מער אלס איין יאהר אונ האט דאס מינדעסטע ניט גיקענט ארוים בעקומען דען לאנדאן איז פאר איינעם פרעמדען איין מיפער אונ איין אונענדליכער אפגרונד עס קען יארין איבער לויפען ביז וואנען מען זוכט אויף אונ גיפינט דעם מענשין וואס מען ווינטשט אים צו בעקומען אונ בפרט נאך אזעלכען וואס וויל האבין דאס מען זאל אים ניט ליידט גיפינען למשל אפי וויא דיזער דארער הער · דאך אבער טרעפט זיך אפט אים לעבין דאס אונ וואס מען בעמיהעט זיך אפט לאנגע צייטין אונ מען קען עס ניט אום פירען אדער דער

ג״ן

אין גאנצין אויף דעם זיגעל וואר דער הער מיט זיין נאמען אונ
איינוייניג וואר גישריבין אזו, „דיזער איבערברייגנער פון דיזע אפלעצינגען
איז דער בן פרק נון שלעפין זייא אים מיט זיך וואו הין זייא זעגלען
אויף דער זודזעע איינזעל אונ בענייען זייא זיך מיט אים וויא
איך האב שוין מיט אייך אפגירעט : דיזער יונגער מענטש איז
עלענד אין לאנדאן ווילד פרעמד עס וועט נאך אים קיין האן
אקרייא טאן אונ ווען יא שרעק איך מיך אויך ניט דער פאר
דען איך האב שוין קעקערע לייט אלס אים פון האלדז גיפאטערט
אונ אלץ צו ליב מיינע שיינע אונ ארמינע פרויא אונ דער ביא
ואר אונטער גיצייכנעט זיין נאמען וואס דא טוט עס פערשווינן ווערין :
תודות לד׳) „גאט זייא דאנק” האט ער אויס גישריען מיט
גרויס פרייד „וואס ער האט מיר צוא געשיקט וואס איך האב
געוואונצין שוין באלד דרייא יאר : אונ דאס איז צוא וויסין ווער
עס איז דער הער וואס האט מיר אזו פיל וויא גיטאן : נון ווייס
איך שוין” אונ וויל דיזער הער וואר איינער פון דיא גרעסטע
לארדען (גראפין) אונ צו גלייך אויך איינער פון דיא גרעסטע שטאדט
לייטע (מלוכה לייט) : נון וואר אים נאר אונמעגליך צו אים צו צו
קומען : האט ער אים דאהער גלויערט אויף דיא גאסין :
אונ האט אים אן גיטראפין אמאל ביא איינעם וועטהענגן (שקאצקע
דאס הייסט אין דעם ארט וואו מען וועט זיך דארטין אין איין סך געלט
וועטען פערד קען גיכער לייפען : אונ האט אים פראסט אן גינומען
מיט אנרוים לארים אונ האט גישריען זאגט מיר וואס האט איר
צוא מיר גיהאט דאס איך האט מיר אזו אומגליקלאך גימאכט :
נון איך וועל אייך ניט אפ לאזין איר מוזט אריין גיין מיט מיר
אין דאס געריכט הויז : איך גלויב דאס עס איז נאך דא
גירעכטיגקייט אין דער וועלט : אונ האט גירופין דיא זאנדארמעס
דאס זייא זאלין זייא ביידין אוועק פירן אויף דער פאליציי :

עס



פערשאפט עס איינע גליקליכע מינוט נור : אונ אזו וואר דא
ביא דעם בן פרק אויך אזו דען אין איין געוויסען אווענד אלס ער
האט גיגעסען אווענד ברויט אין איין אידעשען נארקיך (רעסטוראציאן)
האט אים אריין גיטראגן דער בעדינטער פון דיזעם גאסט הויז זיין יאק
וואס מען האט אים דא אויס גיוואסין אונ פאר ריכט*) אונ דער ביא
איין פארזיגעלטען בריוועלע וואס מען האט דער היים צווישען
דעם אויבערשלאג אונ דעם אונטערשלאג אונ דיזער בריוועלע וואר
עס דער צעטעלע וואס דער גרויסער הער האט גישריבען ביא
אים אין קראם אונ האט אים גיגעבין דאס ער זאל עס אפגעבין
דעם שיפס קאפיטיין : נון וואר עס דעם בן פרק איין גאנצער גיווינט
ער האט אים גיעפינט זייער בערהויזאם דאמיט דער זיגעל זאל בלייבין

אין

(*אין לאנדאן איז דא פראקטירען אהער נארקיכען וואס זייען
איינגיריכטעט נור פאר ארימע נאס מענטשין וויא זייען (על
פי הרוב) נור אין קעלערין אונ זייען אפין פון צעהען אין דער
פריא ביז צוועלף דיא געסט וואס קומען אהין טוען זיך
אויס מוטער נאקעט אונ גיבען אוועק זייערע קליידער שטיפעל
דעם בעדינטען פון דארט אונ טוען אן איבער דעם עסין פלאצייגקע
חאלאטין גיוועגטיגע פאנטיקעס לייווינטענע מיצקעס וואס
זייען ריין אונ זויבער אונ איבער דעם עסין ווערין זייערע
העמדין אונטערהויזן שנופטיכער אונ דאס גלייבין דיא זאקין
געריניגט אונ גיוואסין גיפראקעס פערריכט גיפלעטעט אונ
ארום גיצעהן גיהעריג אויך דיא שטיוועל פערריכט אונ אפגיפוצט
אונ נאך דעם עסין ווערט דער לאגנט גיעהען דאס זייגע
אונ ער טוט עס ווידער אן וויא נאגעל נייא דעמעם אלעס ווערט
גימאכט זייער געשווינט דורך איינע מאשינע אום שבת אבער
אונ יום טוב וואס ווערט ניט געארביים ניט מען דער פאר
נאך אדריטע גיריכט (פון קארמיונגע דיזע)

עס האט אבער ניט איין נאהראָטע זיך גירירט פון פלעק · זייא
זיינען געבליבן שטיין אויף זייערע ערטער אזו וויא זייא וואלטין
גאר ניט געהערט וואס ער שרייט · נור אן שטאט זייא זאלטן צו
גיגאנגען צו אים, טעליכע לאקייעס פון דיזעם לארד · גיקלייט אין
זייער טייערע ליבערייעס · אונ האבין אין אים אריין גידרוקט נאר די
פעץ · אונ האבין אים אוועק גישאסטעט זייער וייט פון נאראד ·
אונ האבין אים גיזאגט „ווילסט דוא בלייבין בייא דיינער פרייהייט
אט האלט זע מויל" אונ זיינען באלד אוועק פון אים צו ריק צו זייער
הערין · איינינע ארעמע מענטשין וואס האבין עס צוא גיזעהען ·
האבין זיך זייער גיוואונדערט איבער זיין מוט אן צו פאלין אויף
דיזען לארד אין אזו אפענטליכען ארט · אונ האבין אים אויך גיראטין
דאס ער זאל דעם צווייטין מאל דאס ניט טאן · דען ער איז איין
האפטמאן (פרידוואָרגער) אונ זיין מאכט · שפרוך (אוקאז) איז אזו
מעכטיג באלד וויא דעם קעניגס · נון איז מיט אזעלכן ניט אוים
צו פירין · אונ בפרט נאך איין ארעמאן · נון איז בייא דעם בן פרק
גיבליבין דאס ער ווערט זיין משפט איבער געבין צו איין אדוואקאט
ער האט אים דער צילט דיא גאנצע געשיכטע אונ האט אים גיוויזין
אויך דעם צעטיל מיט זיין חתימה · דער אדוואקאט האט זיך אבער
אוים גילאכט פון אים · אונ האט דעם פראצעס גאר ניט גיוואלט
אן נעמען :

והוא) אונ ער אבער האט זיך פון אלע דיזע זאכין גאר
ניט גילאזט אפשרעקין „רעכט בלייבט רעכט · אונ בפרט נאך אין
לאנדאן" האט ער בייא זיך גיטראכט · אונ איז אוועק צו איין אנדער
אדוואקאט · האט אים צו גיזאגט אהעלפט פון דיא שטראף געלט
וואס ער וועט נעמען בייא יענעם הערין · אונ דער אדוואקאט
האט עס יוא אן גינומען · אונ האט דיזען פראצעס אזו וויים גיטריבן
דאס מען האט דעם גרויסין הערין פאר משפט דאס ער זאל דעם
בן פרק בעצאלין פאר דיזער אקצע וואס ער האט אים פער שיקט





אויף צווייא יאר אויף אוייסע אינזעל צו העין טוזינד שטערלינג :

ויהי כראות השר) אונ עס וואך אלס דיזער גרויסער הער
האט גיזעהען דאס ער האלט זייער שמאל מיט דיזעם עלענדין
יודען · דען לבד דעם וואס ער ווערט אים דארפין געבין אזו אסך
געלט ווערט נאך דער בייא אויך זיינע עהרע זייער פיל ליידין ·
האט ער אים גילאזט אין איינער נאכט ארעסטירען · מען האט אים
אויף דער פאליציא בעשולדיגט · דאס ער קומט אן אין נאס גרויסע
מענטשין זייער גראב · אונ בעווייזט זיך אפ מיט פאלשע אדוואקאטין
וואס נעמען זיך אן אוים צו פירין פאלשע פראצעסין · נון האט מען
אים אפ גיהאלטין אין דעם גרויסין טעמסונג זוינטמאָר שיינע עטליכע
יאר · אונ איז בעפרייט גיווארין נור דורך דעם טויט פון זיין רודף
ער האט דיזע יארין פער לעבט דארט זייער אומרוהיג · דען עס
פלעגט אים זייער אפט דיזע אונגערעכטע גיפאנגנשאפט פאלין אזו
צו לאסט דאס ער פלעגט זיך ווינצין דעם טויט · אונ פלעגט אפט
בייא איינער שלעכטע בעהאנדלונג פון דעם זקעקער טייסטער
(פון דעם שטאטרימיל וואס וואר דארט איבער דעם אסטראג) אזו
ארוים צו גיין פון געהלה דאס ער פלעגט זינגען מיט נאס פונקט
וויא איוב :

משך ימי שבתו) דער משך פון זיין זיצין דארט איז אונז
אונבעקאנט · נור דאס ווייסין מיר דאס ער איז ארוים פון דער
גיפיינגנעס פיל עלטער אלס ער איז אין איה אריין · דאך וואר
ער נאך איין יונגער מאן · גאנץ גיזונט אונ שיין · אונ האט באלד
גימאכט שותפות מיט נאך איינעם לויז גיווארענעם ראסטאנט וואס
איז מיט אים גיזעסין אין איין גיפיינגנעס · אונ האבין ביידע גלייך
געלויסין אומזיסט · יענער וואר זאים אזו גוט אונ אזו פריינדליך ·
דאס ער האט אים אן גיטרויט זיין גאנצין קאפיטאל וואס ער האט
גיהאט · דען ער וואר זייער רייך · אונ האבין אן גיהייבין צו האנדלין ·
אונ האבין גימאכט גוטע גישעפטין · אונ זיינען גיווארין מיט דער

ציים גרויסע עשירים : נון האט שוין דער בן פרק גימיינט דאס זיין אייזערנע שיקזאל (מערכה) האט זיך שוין מיט אים אויס געוועהענט (שלום גימאכט) · אונ האט אלזו אויס גיזוכט פאר זיך אשיינעם שידוך · אונ האט חתונה גיהאט · אונ וואר זייער צו פרידין מיט דער ווייב · דען זיא האט אין זיך גיהאט אלע מעלות וואס ער האט גיוואונצין ; אונ אזו וואר זיא מיט אים אויך זייער צו פרידין · דען עס איז אים זייער גוט גיגאנגען · אונ האט אין אמשך פון זעקס זיבין יאר דער לעבט צוויא זין מיט איר · נון וואר שוין פריידע אונ האפנונג ביא אים אין שפוב : דען ער האט גידיינקט צוא מאכין פון דיזע ביידע אינגליך גרויסע געבילדעטע לייט :· אונ האט אן גיהייבין צוא געבין זייא דיא בעסטע ערציהונג אין דער וועלט · אונ האט שוין אלזו גידיינקט צו דער יאגן אין דיזע גוטע יארין דיא אלע פערגעניגונגען וואס ער האט פאר זאמט אין דיא פאריגע שלעכטע יארין · אונ האט אלזו גיזעהען צו פאר גרעסערין זיינע גישעפטין · אונ איין צו ריכטין בעסער פון טאג צו טאג זיין הויזליכעם לעבין · דען ער האט געמיינט ער בלייבט שוין איין לאנדעגער אויף אימער אונ אייביג · עס איז אבער דעם מענטשין ניט פערגונען אריין צו בליקין אין דיא שפעטיגערע ציים · אונ איין אויגין בליק קען ניט ערוב זיין פאר דעם אנדערין אויגין בליק · אונ אנאר איז יענער דער וואס דיכט זיך נור אויף פגודים אונ בפרט נאך יענער וואס דער שלימאזיל האט אים שוין עפליכע מאל אן גידרויט פאר דיא אויערין וויא אונזער בן פרק · נון האט ער זיך גאנץ געאירט אין זיין דערכעגונג · זיין שיקזאל האט זיך נאך מיט אים ניט אויס ביזעהענט · אויס גערוהט נור אום כוחות צו האבין אים שטארקער רודף צוא זיין וויא מיר וועלין דא באלד ווייטער דער ציילין :

ויהי היום) אונ עס וואר אין איין געווסין טאג גאנץ בעגינען · אונ אונזער בן פרק איז זיך געזעסין אין זיין גאבענעם ביי איינער

טאשע



טאשע קאווע · אונ גירייכערט איין פפייף · איז אריין גיקומען צוא אים איין פאצטעליאן אונ האט אים גיבראכט איין זייער גייטיגין בריף · דיזער בריף וואר צו אים פון שטאמביל וואו ער האט גיהאט אפעטער אנרויסין גביר · ער וואר געזוינלט שווארץ · אונ האט שוין אלזו דעם פעטער בעווייגט בעפאר ער האט נאך דעם בריף גיעפינט · דען ער האט אים זייער ליב גיהאט · אונ פלעגט צוא מאכין מיט אים גישעפטין · נון הייסט עס דאס ער איז גישטארבין אונ האט אלזו דעם בריף אויף גימאכט מיט ציטערין אונ מיט שרעק דען ער האט זיך גיפירכטעט דאס ער זאל אין אים ניט לעזין דעם אונגליק וואס ער איז פריער משער · דאס הייסט דאס ער איז חידקליך מוים · אונ אזו וואר עס טאקי · דען עס וואר אין אים גישריבין דאס זיין פעטער איז גישטארבין · אונ צו גליק אבער דאס ער האט אים גימאכט פאר דעם איינציגין יורש פון זיינעם גרויסין פארמעגין וואס דאס איז איין מיליאן דוקאטין · דען ער איז גישטארבין אן קינדער · נון איז דער טרויער וואס ער האט אים אויס גיפרעסט טרערין אונ זייפצער אין אן הייב לעזין פון דיזען בריף פערוואנדעלט גיווארין אין גרוים פרייד ביי דעם ענדע לעזין פון דיזעם בריף · דען איין אונגעריבטער מיליאן דוקאטין · האט וואס צו זאגין : ער קען איינעם גליקליכען גליקליך מאכין · ועלבסט איינעם גרויסין פירשטען שטאלצער מאכין פשיטה שוין אונזערין בן פרק וואס האט נאך קיין גוץ דאס הייסט אין זיינעם לעבין גיזעהען · דער צו נאך זייער פיל גילעטין · אונ אזו גאר איין לאסט טרענער גיוועזן · עס וואר זיין פרייד אזו גרוים דאס זיא האט זיך גאר ניט גיקאנט פאמעשצען אין זיינעם איינגען הערצין וואס האט זיך קיין מאל אזו אגליק גיוואונטצין · אונ האט גאר ניט אזו פיל פלאץ אין זיך גיהאט עס אויף צוא נעמען · ער האט גיזוכט מיט דיזע פריידע זיך טיילען · דאס הייסט ער האט גימאכט אגרויסין מאל ציים עס ווארין

דער

הער צוא געלאדין גוטע פריינד אונ בעקאנטע אלע האבין אים צוא גיוואונצין · אונ האבין גיזאגט דאס היימט דעם גליק אין זיינעה גאנצין נרעסטע (גרויסקייט) גיזעהען · דריא טעג נאך דער רייזע (נאך איינאנדער) האט זיך דער בן פרק גיפרייט אונ לוסטיג גימאכט ביי נך צו הויז · אונ דאן האט ער אפ גירייזט פון לאנדאן צוא קומען קיין סטאמביל · וואס דאס איז בערך אמייל דרייא הונדערט צוא וואסער · וואס דאס אין ביי איינער איינגעלשע שיף אין אונזערע צייטן גאר איין שפריוו במעט · גיט אזו אבער וואר עס מיט איאר זעכציג צוריק · דאן וואר נאך קיינע דאמפ שיפען · דא וואר נאך דער גאנצער אפריקאנעשער ברעג אונטער דיא הענט פון דיא ווילדע אראבער · אלגיר · טונים · טריפולים · אונ פעך וואר דאן נור הוילע רויב נעסטער · (מעונות שודדים) · דיזע בארבארין פלעגין אום צוא וועלען דאן מיט זייערע ליבטע שיפין אויף דעם מיטלענדישען מער · וואס איז צוא ווישין אראפא אונ אפריקא · וואס פלעגין זיין בעוואפענט מיט קאנאנען אונ מיט אלער האנט גיוועהר · אונ פלעגין איבער צו פאלין איבער אלע אראפייאישע האנדיל שיפין · דיזע ווילדע רויבער האט מען גירופין קאפערען אונ ווען עלבע שיף זייא האבין נור נתאפט האבין זייא אלע מענטשין וואס זייא האבין אויף איר גיפונען גימאכט פאר שקלאוען · הן זכרים הן נקבות · קינדער אזו גאר ווייא האבין גימעקט זיין פירשטען קינדער · פלעגן קיינעם ניט נושא פנים זיין · אונ ווייטער דיא שיף מיט אלע סחורות פלעגין זייא אוועק צו שלעפין אין זייערע האפענס · נון אלזו וואר קיין שיף זיכער דאן אויף דעם מער דאס מען פלעגט זיך אויך מוזען בעוואפענען מיט אלערה האנט געווער · אונ דאפט פלעגט מען זיך מוזען שלאגען מיט דיזע רויבער · אונ מען האט זיך געשאצט בענעג גליקלאך ווען מען פלעגט נור נמלט ווערין פון זייערע מערדערישע הענט · עס האבין זיך דאן אפילו נעפונען זעהר פיל מלכים אנטקעגין דיזע בארבארעשע (טיראנעשע) לענדער · מען האט אבער

גאנץ

נאנץ ווייניג אוים געפירט אנטקעגין זייא · אונ מען האט זייא ערסט אוים גיראטט אונ מכניע גיווען אין דעם יאר איין טויזענט אכט הונדערט איין אונ דרייסיג אונ עס איז שוין זיכער אויף דעם מער ווייא אויף איין אייזן באן ·

אך בימי מסעו זאת) נור אין דער צייט וואס אונזער בן פרק האט גידארפט מאכין דיא רייזע וואר נאך אויף דעם מער העכסט אונרוהיג · דען עס האבין זיך אום געטריבין אויף אים אויך דיא גריבען פון דיא יאנישע אינזלען · נון פערשטייט זיך פון זיך אליין · דאס דער וואס איז נור אן קרייטיג צו דעם שלימאזיל וויא אונזער בן פרק וואס ער וואר שוין כמה מאל אין זיינע הענט · דארף זיך זייער היטין פון אזעלכע ערטער וואס ער (דער שלימאזיל) טרייבט דארט אימער זיין שפעטאקיל אונ בעקומט זיין קונד זייער לייכט · דאך אונזער בן פרק וואר אזו פערשיקערט פון דיזע בדויטע ירושה · דאס עס איז אים דאס גאר אויף זיין גידאנקען ניט ארויף גיקומען · האט זיך אפ גיזעגינט מיט זיינער פרויא · אונ האט זיך ארין גיזעצט אין איינער איינגעלשע שיף · אונ איז אוועק ·

ויהי ביום השלישי) אונ עס וואר אויף דעם דריטין טאג אין געווארין אנגרוימער שטורעם אויף דעם מער · אונ פעלייכט נור צו ליב זיין שיף אליין · וויא אונזערע חכמים זאגין דארפין ביי דעם (איוב) דאס דער שטורעם וואס האט איין געווארפין זיין שטוב אויף זיינע קינדער וואר אויך נור צוא ליב זיין שטוב אליין · דען דער שלימאזיל איז פיל מעכטיגער אלס דער מזל · ווען דיזער דאס היימט דער מזל קען ניט צו ליב זיין איין גליקליבען הונדערט אדער אזו נאר צעהען גליקליך מאכין · אונ דער שלימאזיל קען צו ליב זיין איינציגען אונגליקליכען מיליאנען אומגליקליך מאכין · אונ אזו האבין בוודאי צו ליב דעם בן פרק נאך כמה הונדערט אנדערע שיפין גימיל

שיפען געליטען · נור מיר זוילין דא דער צײַלין פון זיין שיף אליין · עס וואר דער שטורעם גרוים אונ זייער מעכטיג אונ האט גראדע געטריבין צו דעם אפריקאנישען קיסטע · דאס הייסט דאס זיא זאל דעם אומגליק אנטקעגין ניין · נון וואַרין אלע אויף דער שיף העכסט בעזארגט דען זייא וואהין ארום געריננעלט פון טויזענטער לייא געפאהרען · וויל יענע קיסטען זיינען זייער שטיינעג · ניט טיף · אונ דיא פלוט (דער צו לויף פון וואסער) איז זייער ביסטרע · דער בייזער מזל פון אונזער בן פרק אבער האט ניט גיוואלט קיין גייעס אויף מאן אונ שאפען זיך דורך דעם מער · דאס ער זאל דיא שיף צוא שלאגין · ביין ער איז זיך גיגאנגען מיט זיין פאריגען שטיינגער · צווייא מאל האט ער שוין בערויבט דיא פרייהייט פון דעם בן פרק · נון האט זיך אים גיוואלט דאס מאן צום דריטין מאל · אונ האט ארוים גישיקט אנטקעגין דער שיף איינע עסקארטע (אקליינע פלאטע) פון אלגירער קאפערען אדער זעע רויבער · וויא ענטליך (קאצקעס) זיינען ארום גישוואומען ארום דער שיף · אונ האבין אויף איר אן בעהייבין צו פייערן פון אלע זייטין · האבין איינע געטייטעט איינגע גיראנעט · מען האט זייא צוואר אויך ניט גישוהנין · מען האט וויא דער לאנגע צוא ריק · עס האט דיזע שטיצקע געדויערט איינגע שטונדען ביז דיא אלגירעשע זעע רויבער האבין אויף איר גיענטערט *) אונ ערסט דארטין אויף דעם

פארדעק

*) ענטערין ווערט אן גערופען דאס ארויף שטייגען אויף אנגירויבטע שיף · אלס מען ציהעט איר צו מיט אייזערנע האקין וואס מען פער ווארפט אויף איר פון זייטין · אונ דאן אלס דיא ביידע שיפען דאס הייסט דיא גערויבטע מיט דער רויבענדע קומען צוא נויף הארט צוא זאמען · דאן טרעפין ארויף דיא מנצחים אדער דיא רויבער אויף דיא געפאנגענע שיף ·



פארדעק · האט זיך אן געהייבין אגרוים געפעכט · דען דיא איינגלענדער וואַרען אלע זייער גוט בעוואפענט אונ גרויסע העלדען אויך אונזער בן פרק וואר ניט קיין ליידיגער צוא שויער (צוא קוקער) ביי דיזער באמאליע · ער האט מער אלס פינף רויבער אריין געשמיסען אינם מער צום אינגליק אבער האט דער ווינט אלץ געסטויסען דיא שיף צום ברעג צו אונ האט איר איין געהאצעט אין זאנד זייערע שיפען אבער וואַרען פיל קלענער אונ זיינען געשוואומען פון אויבען :

(ויהי) אונ עס וואר וויא דיא אלגירער האבין עס אן געמערקט זיינען זייא מיט איין מאל אראפ פון דער איינגלעשע שיף · דאס עס איז ניט איינער געבליבין · אונ האבין געלאזט זאגען צוא דעם שיפס קאפיטאן דאס ער וועט זיך ניט אונטער געבען וועלען זייא דיא שיף אויף דרוגעס צוא שיסען · אונ דאן וועט צו גרונדע גיין מאן אונ מויז · דיזע ווערטער האבין געמאכט איין שרעקליכען איינדרוק אף דיא איינגלענדער אונ האבין זיך אונטער געגעבין · אונ דאן האט מען זייא אלעמען אראפ גענומען פון שיף מענער ווייבער אונ קינדער צוזאמען מעהר אלס דרייא הונדערט מענשין אונ מען האט זייא אלעמען וויא בענז איינגישפארט אין איינע קליינע שיף אונ מען האט אפ גיפירט קיין אלגיר נון פערשטייט זיך דאס דער שענסטער פון אלע דיזע גיפאנגענע וואר דער בן פרק אונ דאהער אלס מען האט זייא אין פרוגט פאר גישטעלט פאר דעם מלך) דאס ער זאל אוים קלייבין פון זייא פאר זיך וועלכע עס גיפעלין אים וואר דער בן פרק דער ערסטער וואס ער איז אים גיפעלין אונ האט אים מיט צווייא פריינד אוים געקליבין פאר זיך אין שטוב אריין צום בעדינען · אין איינגע טעג ארום האט מען אים זייער שטארק עקזאמענירט אונ אוים געפארשט ביי אים פון

וואנען

וואנען ער איז · אונ ווער ער איז אונ דיויל ער האט ניט געהאט
וואס צו פער לייקענען האט ער אלץ געזאגט דעם אמת · אונ האט
געבעטען באס עס איז אים ערלויבט זיך אויס צו לייזען איז ער אים
שטאנדע צו געבען וויא פיל מעווערט פאר אים בעטען · דען ער
איז זייער רייך · ניין דאס קען ניט זיין האט אים דער שלעדאוויטעל
געענטפערט דוא האסט דאס אומגליק העבסט געפעלען צו זיין דעם
רייע · ער ווערט דיך פאר אמיליאן ניט לויז לאזען · אונ אלזוי
איז ער געבליבען בייא אים איין סקלאווע אין שטוב מעהר אלס פינף יאר
זיין שלוזבע וואר אפלו זייער לייכט · דאך וואר ער דער בייא
וויא איין געפאנגענער · ער פלעגט ניט קענען · אויף איין מינוט
אפטרעטען פון פאלאץ · ער פלעגט מוזען זיין הערען אן מאן ·
אוים מאן · דער לאנגען דיא פייף · בייא דעם טיש בעדינען ·
אונ שלאפען אין זיין פארדער צימער · אונ אויף זיינע רייזען אים
בעגלייטען · חוץ דעם האט אים דארט אין קיין זאך געפעלט ·
עס וואר אים ערלויבט צוא היטען זיין רעליגיאן · צו בעזובען
אתה אשול · אונ האט פון אים קיין מאל קיין שלעכטעס
ווארט געהערט · דאך אבער וואר ער אימער פערקימערט
אונ פערטרויערט · אונ פלעגט דיא שטילע נעכט צו פארברייגנען
אין בעטען אונ וויינען דען ער האט זיך ניט געקענט פארגעסין
אן וויב אונ קינדער · אונ אן זיין מיליאן דוקאטען · אומגליקליך
איז יענער דער וואס האט ניט פון וואגען צו לעבען · אומגליקליכער
אבער איז נאך יענער דער גאם האט מיט וואס זיך גליקליך צוא
מאן וויא עס וואר דאן אונזער בן פדק אונ מען האט לאזט ניט
צו געניסען עס אין פרידען :

(ויהיו בעיניו) אונ עס ווארען בייא אים דיזע פינף יאר
וויא פינף יובלען · אונ האט געהאפט פון טאג צו טאג אויף איינע
ערלייזונג



ערלייזונג פון דיזער שביה וועלכע ער האט דער לעבט ערסט
נאך מיט צעהען יארען שפעטער · אונ איז אין דיזעם משך אויס
געשטאנען צעהענמוויזינה מאל מעהה צרות אלס אין דיא ערסטע
פינף יאר פון זיינער געפאנגענשאפט · דיא אורזאכע דער פון וואר
דאס ער האט ווייטער געהאט דאס אונגליק צו געפעלען דארט
צו ך איינע פארנעהמע דאמע · אונ דאס וואר דיא (פאפארימין)
דיא געליבטעסטע פון דעם בייעס (קיניגס) פרויען :

(האשה הגדולה הזאת) דיזע פארנעהמע דאמע · האט זיך פערשאפט
זייער גוטע געלעגענהייטען דורך איהרע סריסים · (פערשניטענע)
צו זאמען צו געקומען מיט אונזער בן פדק *) אונ האט אים אן
געבאטען איהרע ליבשאפט וויא אמאל דיא ווייבע דעם פוטיפערס
ווייב דעם יוסף הצדיק · אונ דאס איזט איינע צוקער זיסע מתנה
אין יענע לענדער וואס מען פערלירט דורך דעם בייזע וועלטען
אויף איין מאל · דען ווער איז נאך איזו איפערזיכטיג
אויף זיין פרויא אלס איין אראבער · אונ בפרט נאך איין רייע
וואס ער איז אמן שולטאן · דארט אין אלגיר · נון וואר אונזער בן פדק

---

*) דיא פרויען אין יענע לענדער ווערען גאנץ אנדערש בעהאנדעלט
אלס אונזערע פרויען פון זייערע מענער · זיא טארען זיך דארט
ניט ווייזען אויף דער ווייסער וועלט · אונ וועלכעס אין שטוב
האבין זיא איין בעזונדערען ארזאל וואו זיא זיצען דארט
איינגעשפארט וויא דאסאנטען · על פי רוב האבין זיא צוא
עטליכע פרויען · דער מינדעסטער האט פיר · דיא רייכערע האבין
צו צוואנציג צו דרייסיג אונ נאך מעהר · בייא דעם סולטאן
זייען דא מעהר אלס טויזנט · דיא הייזער אין וועלכע זיא זיצען
ווערט

אין אגרויסע קלעמע · דען ער האט איין געזעהען וויא ער וועט מאן איז ער אלץ פערלארען · וועט ער איר געהארכען וועט ער פערלירען זיין קאפ דורך דעם דייע · וועט ער איר ניט געהארכען וועט ער פערלירען זיין קאפ דורך איר · דען ווער איז נאך אזוי ווימהענר (פערדריסליך) אלס איינע בעליידיגטע דאמע און בפרט נאך איינע סולטאנין · און האט אזוי ביירע פעלע געוואויגען עטליכע טעג אויף דעם וואג שאל פון זיין פערשטאנד · ביז דער שאל פון דעם צווייטען פאל האט מכריע געוועזען דעם שאל פון דעם ערסטען פאל דורך דיא געוויכט פון זיין יראת שמים און איז בעשטאנען בייא דעם נסיון און האט זיך גאנץ איינפאך ענטזאגט פון דיזע געהייסע (סאקרעמנטע) צו זאמען קומען מיט איר און האט זיך געריכט שוין היינט מארגען וועט מען אים מאכען מיט אקאפ קירצער · דען ער האט פערשטאנען דאס גלאט וועט דיא געשיכטע ניט אפלייפען :

ואשר יגור יבא לו) און פאר וואס ער האט זיך געשראקען האט

---

ווערט אן גערופען הארעם · און זייען בעוואכט מיט סריסים · דאס זיינען אזעלכע שקלאווען וואס קענען שוין ניט לעבען מיט קיינער פרויא · ווען אראמע האט זייער נייטיג אין נאס צו זיין · וואס דאס איז נור צו מאכען אבעזונך איינע אנדערע דאמע · אדער אין באדשטוב צו זיין · סוז ויא זיין גאנץ פערשלייערט און פערוויקעלט דאס עס זעהען זיך ארויס נור איהרע אויגען · און איין סריס גייט איר נאך : קיים ערלויבט מען איר דאס זיא זאל זיך זעהען מיט אברודער אדער מיט איר פאטער · און דאך געניסען זייא פון דער פערבאטענע פרוכט מעהר אלס אונזערע פרייע פרויען :



האט אים מאקי געטראפן · דען אין עטליכע טעג ארום האט מען אים אין מיטין נאכט אויף געוועקט פון שלאף און מען האט אים מיט אגרויסין וואך ארויס געפירט אין דער אונטערסטע באנגע (געפיינגעניס) דאס איז אזו איין ארט וואס ווערט דארט קיין מאל טאג · און דיא פיר יארעס צייטין פרילינג · זומער · הערבסט · און ווינטער) ווערין פאר שטאלצין אין איינער לאנגע ווינטער נאכט · און דיא צייט פער לירט דארט איר רעכענונג · דארט איז דער אונגליקליכער בן פרק געלעגין אויף אבינטיל פייכטע און גוט פאר פוילטע שטרויא · און האט גילעבט פון קארגין וואסער און טרוקענעם ברויט וואס עס פלעגט אים ארויס גילאזין ווערין דורך אלאך אלע נאכט · דארטין האט ער פאר לעבט כסה וכסה מאנהייטין אין דער גיזעלענשאפט פון גרויסע מייז · און וואר פערוואקסען גיווארין מיט האר וויא איין אדלער מיט פעדערען · און מיט גרויסע נעגיל וויא איין טיגער · און האט אלזו דארטין גיבעטין צוא גאט וויא (יונה הנביא) אין דעם בויך פון דער פיש ביז ער האט דער הערט זיין שטים · דען אין אחדשים אכט ארום האט מען אים פון דארט ארויס גענומען · און מען האט אים אן גיטאן אין דיא פראסטע שקלאווען קליידער · אין אהעמד אנראבע מיט לייווענטענע גאטקעס · און מיט אריסענעם נארטיל · און מען האט אים אוועק געשיקט אין דער באנגע וואו אלע שטאטסקע שקלאווען זיינען וואס מען רופט עס בייא אונז דיא קאזארנע פון דאסטאנצקע דאטע · עס ווארין דייערע עטליכע הונדערט דארטין · און אראפייער פון פערשיידענע קלאסין און האט מיט זייא צוא זאמען גיטאן (כל עבודת פרך שבעולם) · און וואר אויך טעגליך גישלאגין · דען דיא אראבער זיינען גרויסע שונאים פון די אראפייער · און בעגייען זיך מיט זייא זייער טיראנים :

וכ:) און אזו האט ער דארטין אויס בעליטען כמעט צעהען

יאר׃ ביז עס איז גיקומען איין (גאולה) פאר אלע דארטיגע גיפאנגענע דורך דיא איינגעלשע רעגירונג׃ וואס איז שוין גיגוג מידע געווארין צו ליידין פון דיא אלגירער וועלע רויבער איז אין איינער נאכט צו געפראגין צו אלגיר מיט איינע מעכטיגע פלאטע׃ אונ האט אויף איר אזוי לאנג געפייערט ביז דער ביי האט זיך אן געהייבין צוא בעטין אויף אשלום׃ נון וואר דער ערסטער בעדינג׃ דאס ער זאל בעפרייען אלע שקלאווען דיא אראפייעשע׃ אונ ווידער דאס (מהיום והלאה) זאלין זייא ניט צעפען קיינע איינגעלשע שיף׃ אונ דריטענס דאס עס זאל אין אלגיר זיצין איין איינגילשער קאנזיל׃ נון האט מען באלד אפ געשיקט אויף דר איינגלענדעשע פלאטע אלע שקלאווען אונטער וועלכע עס וואר אויך אונזער בן פרק׃

אז אמר בו פרק אנער כפעם בפעם) אונ דאן האט גיזאגט דער בן פרק איך וועל מיך ווידער אן הייבין צו שטארקין׃ אונ זעהען צו פערבעסערין מיין שטאנד׃ דאך אבער קימענדיג אהיים׃ האט ער זיך אויך ניט גיהאט מיט וואס צו ערפרייען׃ דען זיין שיקזאל וואס האט אים מיט איינער האנט צו געדריקט דארט אין אלגיר נאנצע פופצין יאר׃ האט מיט דער אנדערער האנט אויס געווישט זיין הויז אין לאנדאן׃ זיינע געליבטע פרויא וואר שוין טויט׃ זיינע ביידע זין האבין נאך גילעבט זייא ווארין אבער ניט אין דער היים דער עלטערער וואס איז גיווארין העכסט אויס גילאסין דורך א אקינד אן ערציהונג׃ האט זיך אזוי שווער פערזינדיגט אין לאנדאן דאס מען האט אים פאר משפט פאר איין גאלערענשקלאפען (וואס מען רופט עס ביי אונז קאטערושנע)׃ דער צווייטער איז אוועק אין דער וועלט דאס ער האט ניט געוואוסט וואו הין׃ נון האט ער אויך זייא אוים געוויינט זיינע לעצטע טראפינס טרערין וואס דוא איזערנע האנט פון זיין שיקזאל האט זייא נאך ניט אוים גיקוועטשט ביז איצונד׃





אונ האט זיך באלד אהויף געזעצט אויף איינער איינגעלשע שיף וואס איז שוין זיכער פון רויבער׃ אונ האט אפ גיזעגעלט קיין סטאמביל אונ האט אפ בענומען זיין מיליאן דוקאטין ירושה׃ אונ איז גיקומען קיין לאנדאן׃ מיט נייע האפנונגען׃ נון פאר דער האנד הייסט א מיליאן דוקאטין אגוטער אן ווייזונג צו דעם קאנטאר פון גליק׃ ער האט גיקענט נעמען איבער ניעם אגוטע פרויא אונ אנדערע קינדער האבין׃ נייין דאס האט אים זיין שיקזאל וואס וואר נאך ניט מידע אים רודף צו זיין׃ האט עס אים ניט פערגינען׃ אונ האט אים אלוו איין גיגעבין איין רצון צו מאכין איינע רייזע נאך אמעריקא ער איז אהין ניט גיקומען לשלום׃ אונ האט נאך דער לעבט דיא פריידע צו דער וויסין דארט זיין איינגערין זון׃ וואס מען האט אים גירופין מנחם׃ אונ האט אים אלוו גערעכנט פאר דעם ערשטין שטיין וואס ער וועט מיט אים גרינדען זיין נייעם גליק׃ דען דיזער מנחם וואר איין בראווער שיינער יונגער מאן׃ איין גוטער קויף מאן׃ דער צוא אויך רעכט געבילדעט׃ אונ וואר דער צוא אויך גוט אין מעמד׃ אונ האט שוין אויך איינע פרויא גיהאט׃ נון איז ער ארין צו אים וואוינען׃ האט גימאכט מיט אים שותפות אין געשעפטין׃ אונ עס איז זייא ביידען זייער גוט גיגאנגען אונ האט אזוי פערלעבט איאר צעהען דארט מיט זיינעם זון אין נייע יארק אין נחת אונ אין גדולה׃ אין דוא שטילע אווענדע פלעגין זיך צו זאמען קלייבין צו אים זייער פילגוטע פריינד׃ אונ דער בן פרק פלעגט זייא דער ציילין דיא שרעקען פון זיין לעבין׃ דארט אויף דער וויסטע אינזעל׃ פון זיינער גיפאנגענשאפט אין אלגיר׃ עס ווארין אונטער דיזע גוטע פריינט געלערינטע לייט וואס האבין עס אלץ בעשריבין׃ אונ האבין געמאכט דער פון אגאנצע (אספר) פון עטליכע טייל וואס מע רופט עס „בן פרקס לייד׳ן“ עס איז פול מיט וואונדער

נעשיכטען

געשיכטען *) ביא דיזע ערצײלונגן פלעגט קיין אויג טרוקין בלייבין
אונ בפרט נאך ביא דעם מנחם · אונ אזו פלעגט דער זון אויך
דער צײלין · וואס עס האט זיך פאסירט מיט אים אונ מיט דער מוטער
אין דיזע אונגליקליכע פופצען יאר · אונ דאן פלעגט דער פאטער
זײער וויינען · אונ בפרט אלס דער זון פלעגט צוא דער צײלין
פון דיא ליידען וואס דיא מוטער איז אין דיזעם משך אויס
געשטאנען · אונ פלעגין זיך גיסען טרערין איינער דעם אנדערין
אין דיא אויגין אריין · אונ דיזעם וויינען ; דיזע טרויעריגע ערינערונגן
(דער מאגונגען) פלעגט זייא בײדין זײער זיס צוא שמעקין : דען וואס
איז נאך אנגענעמער אונ פערגעניגטער אלס ווי צו דער צײלין אין גוטע
אומשטענדען ווי שלעכט עס איז אמאל גיוועזען איז אזו אגליקזעליקייט :
אבער וואס ניט אלעמען איז עס פערגונען · אונ דאס האט פאקע
פערדראסען · דעם בן פרקס שלימאזעל · אונ האט אן געהייבין
אים ווייטער רודף צו זיין גאר אן אשיעור ·

(כי מקץ עשר שנה) דען אם ענדע פון צעהען יאר אלס
בן פרק האט דערוויסט זיין זון אין אמעריקא · האט באנקראטירט
אין נייאיארק איינער פון דיא גרעסטע באנקירען אויף מיליאנען
אונ האט אלזוי אן געזעצט דעם בן פרק מיט זיין זון מעהר אלס
דרייא פערטעל אייגענס זײערע · דעם פאטער האט ער איינגעבויגען
צו דער ערד · דעם זון אבער וואר עס איין געלעבטער "ליבער
פאטער" האט ער צו אים געזאגט · ווען עס שטראנדעט (צו שלאגט
זיך) דיא שיף אויף דעם מער · דא טוט מען אויף אברעם שווימען ·
נון

*) מיר וועלין בקרב דיזעם ווערק איבער זעצין אין אידעש
טייטש · דען זיא איז פול מיט גרויסע וואונדער · אונ דיזער
חבור איז נור איין קיצור פון יענעם :



נון וועלען מיר אונזערע געשעפטען ניט קענען אויף מיליאנען
טרייבין וועלען מיר זייא פערקלענערין דוא האסט דאך נאך צווייא
מאל הונדערט טויזענד דוקאטען אין לאנדענער באנק · איך וועל
אהין רייזען אונ נעם עס אפ · אונ וועלען בלייבין ווייטער סוחרים
"אבריה האב איך" האט אים דער פאטער גיענטפערט "דוא מוזט
נאך ארפא רייזען אונ אלזוי האט דער מנחם אפגערייזט קיין לאנדאן
האט אפגענומען דאס געלט · אונ אלס ער וואר שוין אויף דער
צו ריק רייזע · האט זיך געמאכט אגרויסער שטורים אויף דעם מער ·
וואס האט אן געטראגען גרויסע קריעות איינז · האט ארום גענומען
דיא שיף אונ האט איר צו דריקט אויף דרונגעס · אונ עס איז
ניט גמלט געווארען ניט איינער פון אלע רייזענדע · אונ אזוי
אויך דער מנחם מיט זיין געלט · אונ מען וואלט עס ניט געוואוסט
ביז דיזען טאג ווען ניט איינציגע קריעות איינז וואלטען ניט פערטראגען
דיא פלאנע (טאנע) פון דיזע שיף צוא איינעם אינזעל וואס איז
ניט ווייט פון אמעריקא ·

(הבשורה הרעה הזאת) דיזע שרעקליכע נאכריכט · האט
דעם בן פרק אזוי ארויס געבראכט פון געדולד דאס ער איז קראנק
געווארען דער פון · אונ וואלט געווים געשטארבין ווען זיין שנור
וואלט אים ניט געטרעסטירט אונ ניט צוא געזעהען מיט וואס נור
מעגליך איזט · אונ דער נאך אלס ער איז געזונט געווארען איז
געבליבין ביא אים דאס ער זאל צו ריק רייזען קיין לאנדאן ·
אום זונסט האט זיך געבאך דיא שנור דיא עגונה געווארפען
צוא זיינע פיס אונ האט געבעטען דאס ער זאל זיך אפשטעלען
ביא איר · זיא וועט אים נערען · אונ היטען ווייא איר שווארצאפיל
פון אויג · דען זיא האט נאך געהאט איין פערמעגען פון דער
ירושה וואס זיא האט אפגענומען פון איהרע עלטערן דא ניט
לאנג

לאנג: עס האט אבער ניט געהאלפען איר ביטען אונ בעטען: ער האט זיך לויז געריסען פון איהרע ארעמס: אונ געקומען קיין לאנדאן: קימענדיק אהין: האט ער נאך געהאט דאס אומגליק צו הער וויסען זיין פערשיקטען זון וואס מען האט אים לויז געלאזען נאך דעם וויא עס האט זיך געענדעט דער משך פון זיינע שטראף יארען: אין (תחילות) האט ער זיך דער פרייט אים צו זעהען: האט אים מיט גרויס ליבע אויף גענומען אין זיינע ארעמס: דען ער האט גימיינט צו פערלעבין מיט אים זיינע לעצטע יארען אין איין פערקימערטען פרידען: עס האט אבער ניט לאנג געדויערט אונ דיזער אלטער פאטער האט העכסט חרפה געהאט וואס ער האט אים אריין געלאזען צו זיך: דען דיזער אונגאמירליכער זון: האט זיך דורך זיינע שווערע שטראפע גאר ניט געבעסערט ער איז געבליבין אזו פערדארבען וויא פריהער: אונ האט נאך דעם וויא ער האט דעם נהליבען אונ פערמאטערטין פאטער גענוג געקריינקט מיט זיינע שלעכטע מעשים גאר בענאנבעט דאס געצט וואס ער האט נאך געהאט ביי זיך אונ איז דער מיט אנטלאפין: אונ איז וויא אין וואסער אריין: אונ דער פאטער איז געבליבין עלענד אונ ארעם:

(ובן שתיתי קובעת התרעלה עד היסוד) "נון האב איך דעם ביטערען קעלך (קעליסאק) אויס געטרונקען ביז דעם בעק" האט געזאגט דער בן פרק "גענוג מיר צו פרובען מיין געשיק ווייטער: ער וויל איך זאל פאר אימער אונגליקליך זיין אונ איך וועל עס מיט גרויס געדולד ערטראגען: איך ווערדע מיך שוין ניט מעהר בעמיהען צו האנדלען: אדער איינע שטעלע בעקומען: דרייא מאל בוים די איידערגאנז איר נעסט *) אבער ניט דעם פערטען

*) די איידער גאנז האט אויך זיך די מייערסטע פעדערן אין



מאל: דרייא העמדער האט די מרים בת בייתום געלאזט דעם ים אוועק טראגען אבער קיינע פערטע *) נון וועל איך מיך שוין ניט לאזען צום פערטען מאל פון מיינעם געשיק צום נארען מאכען איך וויל אים ווייזען: דאס עס איז ביי מיר רעכט איין בעטלער צו זיין; אונ זאל ער זיך פוטער אריין טאן" אונ איז עס מאקע געווארען: אום זאנסט האבין אים די גרויסע גבירים געוואלט שיצען אונ מאכען אים ווייטער פאר איין קויפמאן ער האט פון זייא קיינע הילפע געוואלט אן נעמען ווייל ער האט ביי זיך געוואוסט

אין דער וועלט: דאס מיט איין פינט פון זייא קען מען אויס פילען די גרעסטע פערענע: דאהער רויבען אויס די יעגער די פעדערען איהרע מיט וועלכע זיא בעט אויס איר נעסט וואס זיא מאכט אויף די הויכע שטיינער: אונ ביי יעדעם מאל בעט זיא עס אויס מיט נייע פעדערען ביז דרייא מאל: אונ דער נאך הערט זיא אויף:

*) דער מדרש זאגט אין איכה א' דאס די מרים בת בייתום וואר אמאל געפאנגען: אונ אלס די יודען האבין איר אויסגעליזט אונ האבין איהר געקויפט א העמד: איז זיא געגאנגען צוא דעם ברעג ים אום עס אום צו וואשען: דאס האט עס דאס מער אוועק געטראגען: האבין איר די יודען געקויפט איין צווייטע העמד: אונ דעם האט אויך דאס מער אוועקגעשווענקט: אונ אזוי איז אויך געשעהען מיט דער דריטע העמד: אונ אלס מען האט איר געוואלט קויפען איין פערטע העמד האט זיא שוין ניט געוואלט אן נעמען ימהכתם וויל ניט נאס, האט זיא געענטפערט דאס איך זאל איין העמד האבין אויף מיינעם לייב: